STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06356

SINTEZ FUN SOTSIALIZM UN RELIGYE

Jacob Belek

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב בעלעק

✶

סינטעז פון סאָציאַליזם און רעליגיע

יעקב בעלעק

סינטעז פֿון סאָציאַליזם און רעליגיע

THE RABBI SIMON HEVESI
JEWISH HERITAGE LIBRARY

הויפּט־פֿאַרקויף י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב
1964

JACOB BELEK

SYNTHESIS OF SOCIALISM AND RELIGION

יעקב בעלעק / סינטעז פון סאָציאַליזם און רעליגיע

הויפּט־פּאַרקויף י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

Copyright 1964

by Jacob Belek, Holon, Hagilead 6, Israel

דפוס „אורלי״, ת״א, רח׳ יסוד המעלה 27, טל. 32062

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער און מוטער, פיר שוועסטער און ברודער, וועלכע זענען אומגעקומען אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן.

דער מחבר

די מענטשהייט שטייט פאַר אַ גרויסע רעלי־גיעזע צוקונפט. די רעליגיע פון דער צוקונפט וועט זיין הערלעכער און מעכטיקער ווי וועלכע עס איז רעליגיע פון דער פאַרגאַנגענהייט. איר דאָגמע וועט זיין דער סינטעז פון אַלע פאָרמען פון מענטשלען זיין, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די סאָציאַל־פּאָליטישע אינסטיטוציע אין גאַנצן גענומען וועט זיין אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט...

באַזאַר

פאָרוואָרט

זיכער וועט מיין נייער אידעען־וועג אַרויסרופן פאַרווונדערונג מצד פאַרשידענע צדדים:

היתכן?

ווי קומט עס, אַז אַ מענטש, וועלכער האָט צענדליקער יאָרן געלעבט אין גאָטלאָזיקייט און אַטעאיזם, וועלכער האָט הינטער זיך דריי צענדליק יאָרן גלויבן אין סאָציאַליזם, אַ מענטש, וואָס האָט די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן געאָטעמט מיט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַרבעט פון פרייע מענטשן — זאָל זיך פלוצלינג אַוועקשטעלן בפני קהל ועדה און מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט דערקלערן, אַז ער דער גאָטלאָזער אַטעיסט איז געוואָרן אַ גלויביקער?!

דווקא אין דער איצטיקער צייט, ווען וויסנשאַפט און טעכניק פייערן גרויסע נצחונות, ווען דער פאָרשריט באַהערשט אַלע קעמערלעך פון לעבן — דערקלער איך אַלע מיינע פריינט און חברים — אַז נאָך לאַנגע יאָרן חשבון־הנפש, נאָך אָבסערווירן און אַנאַליזירן דאָס מענטשלעכע לעבן מיט אַלע זיינע דערהויבנקייטן און שוואַכקייטן. נאָכן באַטראַכטן דאָס לעבן פון פאַרשידענע מענטשן: פון פרייע און גלויביקע, פון סאָציאַליסטיש־דענקענדיקע און קאָמוניס־

טיש־אַקטיווע, פון אַרבעטער און אינטעליגענטן, פון פאַ־נאטיש־פרומע אין מאָדערן גלויביקע — בין איך געקומען צום אויספיר, אז דער הויפט־יסוד פון מענטשלעכן לעבן איז ערלעכער גלויבן.

דער דאָזיקער גלויבן, וואָס לערנט די שענסטע מידות פון לעבן, דער וועג, וועלכער פירט דעם מענטש צו אמת און גערעכטיקייט.

טראָץ אַלע דערשיינונגען פון פאָרשריט אין דער וויסנשאַפט, קולטור און טעכניק, וועלכע נעמען די אויבער־האַנט אין היינטיקן לעבן — איז דער געטלעכער גלויבן פאַרבליבן די שענסטע מתנה, וועלכער איז געגעבן געוואָרן דער מענטשהייט, דער ריינסטער לעבנס־וועג, וועלכער פירט, אומאָפּהענגיק פון אַלע ערדישע אידעען —צו אמת און צדק, צו מענטשן־ליבע און הומאניזם.

דערביי איז עס אַ וועג, וואָס איז נישט אין סתירה צו דער וויסנשאַפט און צום טעכנישן פאָרשריט, וועלכע העלפן דעם מענטשן צו פאַרלייכטערן און פארשענערן דאָס לעבן, זיך ארויסרייסן פון נישט באַזיגטע שוועריקייטן.

עס איז אפשר מאָדנע, וואָס דווקא אין דער היינטיקער צייט פון שטורעם און הפקרות, פון פוסטקייט און אידעען־לאָזיקייט, וואַכט אויף אַ נייע ערע פון רעליגיעזן באַוווסט־זיין, וועלכער באַהערשט דעם ערלעך־דענקענדיקן טייל פון דער מענטשהייט.

דווקא אזעלכע צייטן דערוועקן אַ ווילן צו אַ פארטיי־פונג, און יעדע ערנסטע פאַרטיפונג — פירט צו רעליגיע,

מוז פירן צו דער אָנערקענונג פון אוניווערסאלן געטלעכן וועלט־גייסט!

דעריבער שטעל איך העכער דעם ערלעך־רעליגיעזן געפיל פון מענטש, איבער אַלע שטרעמונגען און אידעען, איבער אַלע צייטווייליקע דערשיינונגען, וועלכע באַווירקן דעם מענטש, איבער לוקסוס און ווילטאָג, איבער דחקות און לעבנס־שוועריקייטן, איבער מאָמענטאַלע געגוסן און צייט־פארטרייבן, איבער מאָדערנער פוסטקייטן אָדער הפקרדיקע פאַרווילונגען, וועלכע שטויסן אראָפּ דעם מענטש אויפן ני־דעריקסטן שטאַפּל פון זיין פאקטישער עקזיסטענץ.

דעריבער, איז דער ערלעך־רעליגיעזער גלויבן נישט קיין סתירה צו די צילן און שטרעבונגען פון דעם ערלעכן טייל פון דער מענטשהייט, וועלכע קעמפן פאר יושר און גערעכטיקייט.

ווייל געטלעכער גלויבן הייסט נישט דערשטיקן דעם מענטשנס ווילן צו סאָציאלן יושר — וועלכער איז נישט קיין סתירה צו רעליגיע, נאָר איז גאָר דער נאָענטסטער אידעען־וועג — צו דער געטלעכקייט, וואָס שטרעבט פון סאַמע אָנהויב פון איר עקזיסטענץ צו יושר און הומאַניזם, צו שלום און ברידערלעך צוזאַמענלעבן צווישן מענטש און מענטש.

ווייל טאַקע רעליגיע האָט דאָך די ערשטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע אויפגעהויבן דעם קאַמף קעגן שלעכטס, עוולות און אונטערדריקונג, קעגן מאָרד און בלוט־פאַרגיסונג. איר אויסדרוק זענען די צען געבאָט וועלכע באַווירקן די מענטשהייט פון אַלע צייטן.

דעריבער איז נויטיק צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דאָזיקן

פאַרגעלייגטן אַלט-נייעם לעבנסוועג וואָס איז נישט אין סתירה צו קיין שום ערלעכן ציל פון מענטשלעכן לעבן און איז זיכער נישט קיין שטערונג צום קאַמף פאר אמתן, נישט געפעלשטן יושר און סאָציאַליזם.

*

פונקט ווי אַנדערע לעבנס-שיטות, וועלכע האָבן אין לויף פון דער געשיכטע זיך פאַרוואָרצלט אין לעבן, וועט אויך דער דאָזיקער סינטעז, וועלכער צילט צו אַ דערנענטערונג פון צוויי אוניווערסאַלע אידעען — רעליגיע און סאָציאַליזם — באַווירקן די ערלעכע מענטשן, לטובת דער אידעע, וועלכע איז ראוי ארומצונעמען דעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט, וואָס שטרעבט צו יושר און גערעכטיקייט.

זיכער וועט אַ דאָגמאַטיש-קאָנסערוואַטיווער סאָציאַליסט תיכף אויפציטערן:

„רעליגיע? דער סאָציאַליזם קאָן נאָך חלילה פסול ווערן"!

אָבער אַ לאָגיש פאַרטראַכטן זיך איבערן דאָזיקן סינ-טעז, וועט פאַרענטפערן אַלע ספיקות און נישט קלאָרקייטן. יעדער ערלעכער צוגאַנג ביים באטראַכטן די דאָזיקע אידעע — וועט זי אָפּשאַצן ווי אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג אין לעבן. בפרט, ווען זי קומט נישט צעשטערן אָדער באקעמפן, נאָר דווקא דערנענטערן, פארבינדן און שאפן א בריק צווישן צוויי מעכטיקע אידעען, וועלכע האָבן געשלאָגן די טיפסטע וואָרצ-לען אין מענטשלעכן לעבן.

ווען מען וויל אָפּשאצן די באַדייטונג פון דאָזיקן סינ-

טעז — איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטן, ווי עס זעט אויס די וועלט. איצט, נאָך הונדערט יאָרן זינט עס ווירקט די לערע פון וויסנשאפטלעכן סאָציאַליזם און עס דויערט דער קאַמף פאַר באַשאַפן אַ נייעם געזעלשאפטלעכן סיסטעם, באַזירט אויף אמת, יושר און גלייכהייט; נאָך דעם, ווי עס ווירקט די לעבנס־שיטה פון סאָציאַליזם, מיט אַלע וועגן און אָפּ־נויגן — נאָך אַ רייכער געשיכטע פון קאַמפן און בלוט־פאַר־גיסונגען, מיט אויפשטאנדן און רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן געדארפט ענדלעך ברענגען פרייהייט און גערעכטיקייט.

אָבער ליידער איז ביזן היינטיקן טאָג נישט פאראן נאָך אַזאַ ווינקל אויף דער ערד, אויף וועלכן מען זאָל קאָנען זאָגן, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ פרייע יושרדיקע געזעלשאפט.

דער דאָזיקער צושטאַנד שטויסט צו אַ חשבון־הנפש:

וווהין גייען מיר, צו אַ בעסערער וועלט אָדער פארקערט?

מיר מוזן זוכן נייע וועגן אויף צו רעאַליזירן די צילן, צו וועלכע עס שטרעבט דער בעסטער טייל פון דער מענטש־הייט.

דעריבער איז רייף געוואָרן דער געדאנק, וועגן אַ דער־נענטערונג צווישן די צוויי וויכטיקסטע לעבנס־וועגן — רע־ליגיע און סאָציאַליזם, וועלכע האָבןביידע ענלעכע צילן פון הומאַניזם און יושר, וועלכע שטרעבן ביידע צו אמת און גערעכטיקייט.

נישט געקוקט אויפן טיפן היסטאָרישן קעגנזאץ צווישן די דאָזיקע לעבנס־וועגן — באַווייזן זיך לעצטנס נייגונגען ביי ביידע צדדים צו אַ דערנענטערונג. זיי הויבן אָן צו באַ־גרייפן, אַז די אידעע פון סאָציאַליזם מוז נישט אויסגעטייטשט

ווערן, ווי אַ סתירה צום געטלעכן גלויבן, צו דער רעליגיע, וועלכע שטרעבט אויך צו אַ לעבן פון אמת, יושר און ברייךדערלעכקייט.

אַלס באַקרעפטיקונג פון דאָזיקן געדאַנק, זאָל דינען דער פאַקט, וואָס געוויסע פּראָמינענטע אָנפירער פון דער מערב־אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זענען גלויביקע מענטשן און די רעליגיע שטערט זיי גאָרנישט צו זיין גלייכצייטיק די טאָן־געבער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פון זייערע לענדער.

דאָס גלייכן באַגעגנט מען אויך אָנגעזעענע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן אין דער לעצטער צייט, זיך דערנעענטערט צו דער וועלט־אָנשויאונג פון סאָציאַליזם און מאַרקסיזם.

אַזוי האָט דער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אויף דער פּאַריזער סאָרבאָנע פּאָל שאָשאַר, אַרויסגעגעבן א בוך א. נ. „וויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַליזם און קריסטלעכער גלויבן".

שרייבט ער אין דאָזיקן טיף־רעליגיעזן בוך, אַז „גאָט וועט אונדז ארויסווייזן גוטסקייט און חסד" און אַז „גאָט ליבט אונדז, און מיר ליבן אים". אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט ער:

„דער קלאַסן־קאַמף שפּילט אין דער געשיכטע די ראָל פון אַ טרייב־קראַפט, וועלכע מען קאָן פאַרגלייכן מיט דעם קאַמף פאַרן לעבן, וואָס קומט פאָר אין דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע...".

„דער קלאַסן־קאַמף" שרייבט ער ווייטער „איז אַ רעאַלער און היסטאָרישער פאַקט. די טיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן און די סאָציאַלע אומ־

גלייכהייטן זענען אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטש־הייט...״

אויך דער עסטרייכישער טעאָלאָג ד״ר גוסטאַוו א. וועטער, פּראָפעסאָר אויפן פּויפּסטלעכן אָריענטאַלישן אינסטיטוט אין רוים האָט אָנגעשריבן אַ בוך „דער דיאַלעקטישער מאַרקסיזם״ און דאָס דאָזיקע ווערק האָט דערוואָרבן אָנערקענונג ביי אַ גרויסן טייל מערב־אייראָפּעישע סאָציאַליסטן.

דאָס באַווייזט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס דער שעפער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם קאַרל מאַרקס איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אטעיסט, און כאָטש דער סאָציאַליזם אלס אידעאָלאָגיע איז אין איר הויפּט־יסוד אַנטי־רעליגיעז — ווערט דאָך רייף אַ דערנענטערונג צווישן די דאָזיקע צוויי וועלטן.

אויך אַן אַנדערער קאַטוילישער געלערנטער ד״ר קליינהאַפּעל, האָט אויף אַ קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישע קאַטאָליקן אין יאָר 1959 אין ווין, דערקלערט, אַז:

„דער סאָציאלער אנאליז, וועלכן עס האָט דורכגעפירט מארקס — איז נאָך היינט ריכטיק. וואָס שייך די וועזנטלעכע דערשיינונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט, האָט זיך זינט מארקס האָט אָנגעשריבן זיין „קאַפּיטאַל״, גאָרנישט געענדערט. נאָך היינט איז דער אַרבעטער באַזיצלאָז, אויף וויפל באַזיץ באַדייט: דאָס רעכט צו דיספּאָנירן מיט פּראָדוקציע־מיטלען. אויך היינט ברענגט אַריין דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום פּראָפיט אָן אַרבעט״

די אויבנגעבראכטע ציטאַטן באַשטעטיקן, אַז עס ווערט

רייף די שטרעבונג, אַריבערצוואַרפן א בריק צווישן רעלי־
גיע און סאָציאַליזם! אַז עס פאָדערט זיך אַ דערנענטערונג
פון די צוויי אוניווערסאַלע לעבנס־וועגן. אַ דערנענטערונג
פון רעליגיעזער מאָראַל און עטיק מיט די ערדיש סאָציאַלע
שטרעמונגען, וועלכע האָבן פאַר זייערע קאַמפּס־צילן — אמת,
יושר און הומאַניזם.

און הגם עס זענען פאַראַן אויבנאויפיקע סתירות צווישן
די דאָזיקע צוויי אידעען, וועלכע זענען דורך אַ שיידוואַנט
אָפּגעטיילט און קעגנעריש באַאיינפלוסט, קען אָבער מער
נישט פאַרמאַכט ווערן דער וועג פאַר זייער דערנענטערונג.

דאָס באַווייזט, ווי נויטיק עס איז געוואָרן אין אונדזער
היינטיקער צייט צו צעשטערן די מויער צווישן רעליגיע און
סאָציאַליזם, צו דערמעגלעכן דעם ערלעכן סאָציאַליסט צו
האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו רעליגיע — און דעם גלויביקן
רעליגיעזן — צו ווערן אַ מיטקעמפער פאַרן סאָציאַליזם.

דערפאַר גלויבן מיר, אַז מיליאָנען אַרבעטער און פאָלקס־
מענטשן, סיי פרייע, סיי רעליגיעזע — ערלעכע מענטשן
פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער, וועלן מיט צופרידנ־
קייט אויפנעמען דעם געדאַנק פאַר אַזאַ דערנענטערונג פון
די צוויי אוניווערסאַל־מענטשלעכע אידעען. און נאָר מיט אַ
ברכה וועלן זיי באַגריסן דעם דאָזיקן סינטעז, וועלכער זאָגט
פאַר צו ווערן דער עמוד־האש אין דער שווערער צייט אין
וועלכער מיר לעבן.

וועלט און מענטש

אַ שטורמיש צעברויזטע וועלט באַגעגנט דעם איבער־גאַנג צו דער ווונדערלעכער תקופה, אין וועלכער די וועלט איז אָקאָרשט אַריינגעטרעטן. דאָס איז אַ מעכטיקע תקופה פון גאוניש־מענטשלעכע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן: אַ צייט פון אַנטפּלעקן נייע כוחות — פון אַטאָמישער קראַפט און עלעקטראָניק, פּרווון פון אַ צווישן־פּלאַנעטארער קאָמוניקאַציע און פון באַשאַפענע קינסטלעכע ראָבאָטן, וועלכע הייבן אָן צו פאַרטרעטן דעם מענטש.

אונדז, דעם צעטרייסלטן מלחמה־דור, איז אויסגעפאַלן צו ווערן מיטהעלדן אין דער רעוואָלוציאָנערסטער עפּאָכע פון דער וועלט־געשיכטע.

מיט שטאָלץ פאָלגן מיר נאָך די וויסנשאַפטלער, וועלכע באַצווינגען די הימלען, וועלכע ענדערן דעם לויף פון מעכטיקע ימים און טייכן, און דערגרונטעווען זיך צו די פאַרבאָרגנסטע נאַטור־סודות.

אָבער אויך אין דער דאָזיקער וועלט פון די מעכטיקסטע דערגרייכונגען באַגעגנט מען נאָך אַלץ דעם פּשוטן מענטש, דעם אַרבעטנדיקן מענטש פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער — אָן אויסגענוצט־פאַראָרעמטן, פונקט ווי אַמאָל אין די אָפּגעשטאַנענע צייטן.

דאָס זענען די מיליאָנען נאָמענלאָזע מענטשן, וועלכע גיבן זייער גרעסטןביישטייער צום פאַרשריט אין דער אַנט־וויקלונג. דאָס זענען די באַוועגער פון אַלע וויכטיקע דער־גרייכונגען — אָט זיי, זענען אין רוב פאַלן רעדוצירט צו דער ראָל פון אַ זייטיקן עלעמענט, וואָס איז נישט בכוח צו דעצידירן וועגן זיין אייגענעם לעבנס־גורל.

אָט די דאָזיקע נאָמענלאָזע מאַסן, וועלכע בויען און שאַ־פן, פאַרוואַנדלען מדבריות אין בליענדיקע גערטנער, האָבן פאַרבונדן זייער לעבן מיט דער האָפענונג צו דערגרייכן אַ נייעם לעבנס־שטייגער, ווו עס וועט הערשן יושר, אמת און גערעכטיקייט.

אָבער אַ דור נאָך אַ דור גייט אַוועק — און די וועלט פון גערעכטיקייט איז נישט פאַראַן.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מיט וועלכער ס׳רוב אַר־בעטנדיקע און פשוטע מענטשן האָבן פאַרבונדן זייערע בעס־טע האָפענונגען — האָבן ליידער נישט באַוויזן צו רעאַלי־זירן די טרוימען און שטרעבונגען פון די מאַסן; נאָך נישט באַוויזן, כאָטש ערגעץ־ווו צו שאַפן אַ מוסטער פון אַ פריי־ער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אויב די קאָמוניסטן האָבן שוין יאָ כוח, מעגלעכקייטן און דרייסטקייט צו נעמען די גאַנצע מאַכט, פעלט אָבער אין זייער הערשאַפט־סיסטעם איינער פון די וויכטיקסטע סאָ־ציאַליסטישע פרינציפן — פרייהייט פון מענטש, וואָס אָן דעם קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ פריי־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אין רעזולטאַט דערפון, האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ רייכע

געשיכטע פון פעלערן, מפּלות און זיגזאַגן פון דער אינטער-נאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג אין משך פון לעצטן האַל-בן יאָרהונדערט.

די טרויעריקע דערפאַרונג גיט אָבער אַ מעגלעכקייט צו לערנען, אַז צו דער וועלט פון סאָציאַליזם און יושר קאָן מען נישט דערגרייכן דורך שוואַכקייט, פּשרה און אָפּאָרטוניזם, און אַוודאי נישט — דורך אַ סיסטעם פון דיקטאַטור און גוואַלד, וועלכע נעמט צו די ווירדע און פרייהייט פון אַרבע-טנדיקן מענטש.

ווייל יעדע פאָרעם פון דיקטאַטור, אָן אונטערשיד אין ווערטענס נאָמען — אָדער צו וועלכן צוועק זי דינט — זענען נעגאַטיווע דערשיינונגען פאַרן דערהויבענעם ציל צו וועלכן עס שטרעבן ערלעכע סאָציאַליסטן.

דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס די מערהייט אַר-בעטער און פאָלקס-מענטשן פון די פאַרשידנסטע וועלט-טייי-טיילן בלאָנדזשען פאַרצווייפלט-אַנטוישטע צווישן די רעדער פון אונדזער צעשטורעמטער תקופה, וואָס טראָגט אין זיך איבערבלייבענישן פון נאָך מלחמה-שטורעם, נאַציאָנאַליזם שאָוויניזם און ראַסיזם.

אין רעזולטאַט דערפון וואַקסן אויס נעגאַטיווע לעבנס-דערשיינונגען און זיי נעמען די אויבערהאַנט אין אַלגעמיי-נעם לעבן, אַנשטאָט יושר און פרייהייט, קומט צוואַנג און אומרעכט, אַנשטאָט פעלקער-ליבע און ברידערלעכקייט — האַס און שאָוויניזם, וועלכע צעטיילן און דערווייטערן פאָלק פון פאָלק, מענטש פון מענטש.

עס וואַקסן אויס קינסטלעכע שנאה-מויערן, וועלכע צע-

טיילן מענטשן, פעלקער, לענדער, דערווייטערן פון זיך ראַסן, רעליגיעס.

אַ שנאה וואַנדערט אַרום אויף דער וועלט צווישן ביר־גער, וועלכע האָבן די זעלבע טרוימען, צילן און האָפענונ־גען, וועלכע שטרעבן צו פרייהייט, גליק און שלום.

אין דער דאָזיקער וועלט פון פערמאַנענטע קעגנזאַצן איז קולטיווירט געוואָרן אַ שנאה צווישן גלויביקע און צווישן די אָנהענגער פון סאָציאַליזם, כאָטש אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט זענען עס דאָך די זעלבע סאָציאַל־עקספּלאָאַטירטע מענטשן, וואָס שטרעבן זיך צו באַפרייען פון עוולות, נויט און אונטערדריקונג.

אין אַזאַ אַטמאָספער פון קינסטלעכער שנאה — זענען דערצויגן געוואָרן גאַנצע דורות, וועלכע מען האָט איינגע־רעדט, אַז רעליגיע איז אַ סתירה צום סאָציאַליזם, אַז דאָס זענען עקסטרעמע לעבנס־וועגן, וועלכע גייען זיך אַבסאָלוט פונאַנדער, הגם די געשיכטע ווייזט דאָס פאַרקערטע — די גרויסע נאָענטקייט און אידעאישע ענלעכקייט צווישן די צוויי הומאַניסטיש־עטישע לעבנס־וועגן, וועלכע האָבן ביידע דעם זעלבן ציל — צו העלפן באַפרייען די מענטשהייט פון עוולות, זינד און פּיין.

איז דאָך אומבאַשטרייטבאַר דער פאַקט, אַז דער סאָ־ציאַליזם האָט זיינע טיפע וואָרצלען אין דער רעליגיעזער (יידישער און קריסטלעכער) עטיק און הומאַניזם, און זייער פילאָסאָפיע.

אַדאַנק דער דאָזיקער ענלעכקייט אין זייערע הויפּטצילן — זענען טאַקע די צוויי גרויסע לעבנס־אידעען פאַרוואָרצלט

געוואָרן אין די נשמה-טיפעניש ביי די פעלקער פון אַלע ציטן און דורות.

אָפּשאַצנדיק טאַקע די פּאָזיטיווע ווערטן פון די צוויי אוניווערסאַלע לעבנס-וועגן, האָט די מערהייט ערלעכע מענטשן זיך צוגעאייגנט ביידע וועגן — סיי פון רעליגיע און סיי פון סאָציאַליזם — אַלס הייליקע לעבנס-שיטות, וועלכע זענען מסוגל צו פאַרהיטן די וועלט פון שלעכטס און פון ליידן.

דעריבער איז עס אַ וויכטיקע היסטאָרישע אויפגאַבע אוועקצונעמען די אומגעוווּנטשענע שייד-ליניע, צווישן רעליגיע און סאָציאַליזם. דערצו איז אָבער נייטיק אַן ערלעכע פאַרשטענדעניש צווישן ביידע אידעען.

דער סאָציאַליסטישער צד דאַרף רעווידירן זיין גרונט-איינשטעלונג צו דער אידעע פון רעליגיע, וועמענס מהות עס איז דער געטלעכער וועג, וועלכער פירט דעם מענטש צו ערלעכקייט, יושר און גערעכטיקייט. פון דער אַנדערער זייט דאַרף די רעליגיע אָפּשאַצן דעם וועג פון סאָציאַליזם ביים אַריינפירן דעם מענטש אין אַ וועלט פון יושר און פרייהייט.

דער היסטאָרישער טעות פון מאַרקסן באַשטייט טאַקע דערין, וואָס ער האָט נישט געוואָלט דערזעען דעם וויכטיקן לעבנס-פאַקטאָר פון רעליגיע אין דער מענטשלעכער אַנט-וויקלונג.

אַנשטאָט צו דערזען אין רעליגיע אַ נוצלעכן געזעל-שאַפטלעך-אידעאישן גורם, אָדער אַנשטאָט צוצוגעבן דער רעליגיע אַ נייע געשטאַלט — גייט מאַרקס פאַרביי די רעליגיע מיט איגנאָראַנץ, באַציענדיק זיך צו איר ווי צו אַ זאַך, וועלכע געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט.

מאַרקס האָט געזען דעם מקור פון אַלעם שלעכטן אין סיסטעם פון פּריוואַט-אייגנטום. אָבער די אידעע, אַז דער מענטש וועט ווערן פריי, ווי נאָר מ'וועט אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, שטימט דאָך נישט מיט דער גענויערווירקלעכקייט.

אַז דער מענטש זאָל באַקומען דאָס אמתדיקע געפיל און ווערט פון פרייהייט אין זיין אינדיווידועלן לעבן, איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען ער וועט זיך אויפהייבן אויף אַ ווייטע איבער דער ערד און זיך גייסטיק פאַרבינדן מיט דער העכ-כסטער הומאַנישער קראַפט פון דער וועלט, מיט דער געט-לעכקייט.

די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז דער קאַמף פאַר אמת און גערעכטיקייט הערט נישט אויף נאָך דעם, ווי עס ווערט אָפּגעשאַפט פּריוואַט-אייגנטום פון די פּראָדוקציע-מיטלען.

מאַרקס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז רעלי-גיע וועט פאַרשווינדן מיטן אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם, אָבער דאָס לעבן האָט באַוויזן דעם טעות פון מאַרקס פאַר-אויסזעונג.

אין אַ גאַנצע ריי לענדער, אין וועלכע עס איז שוין זינט צענדליקער יאָרן ליקווידירט געוואָרן דער קאַפּיטאַליזם, איז רעליגיע לחלוטין נישט פאַרשוווּנדן, און זי איז אַפילו נישט אויפן וועג צו פאַרשווינדן.

דערפאַר וואָלט זיכער געווען ווירקזאַמער, ווען דער מאַרקסיזם וואָלט געפינען אַ נייע פאָרם פון אַ דערנענטערונג צווישן די צוויי הומאַניטאַרע לעבנס-וועגן.

צי קען מען דען נעגירן דעם פאַקט, אַז די אידעע פון

רעליגיע האָט געשלאָגן די טיפסטע וואָרצלען צווישן אַלע פעלקער, לענדער און וועלט-טיילן, צווישן פאָרגעשריטענע און אָפּגעשטאַנענע, צווישן ווייסע און קאָלירטע, צווישן רייכע און אָרעמע.

דעריבער איז וויכטיק, אַז דער דאָזיקער נייער וועג — דער שעפערישער סינטעז פון הומאַניסטיש געטלעכן און ערלעך-סאָציאַליסטישן — זאָל דינען ווי אַ בריק פאַר אַ דער־נענטערונג צווישן סאָציאַליזם און רעליגיע; אַז רעליגיע זאָל זיך קענען אַריינפּאַסן אין דער וועלט-אַנשויאונג פון סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף אויפהערן נעגירן און באַקעמפן די רעליגיע, וואָס האָט פאַרכאַפּט די הערצער פון מיליאָנען מענטשן, פון וועלכע די איבערוויגנדיקע מער־הייט שטרעבט אויפריכטיק צו אַ לעבן פון אמת, יושר און שלום.

אַזאַ דערנענטערונג צווישן די צוויי שטאַרקסטע לעבנס־וועגן קאָן ווערן די מעכטיקסטע טאַמע קעגן מלחמה, האַס און שאָוויניזם, קעגן נויט און אונטערדריקונג. אַזאַ דערנענ־טערונג וועט באַווייזן, וואָס פאַר אַ מעכטיקער כוח עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַראייניקונג פון רעליגיעזער מאָ־ראַל מיטן אמת פון סאָציאַליזם.

דאָס וועט זיין אַ פאַרבינדונג פון גוף מיט נשמה; צווישן די רויטע קאַמפּס-פענער פון סאָציאַליזם וועלן זיך דורכ־פלעכטן די הומאַניטאַר-עטישע געבאָטן פון רעליגיע: „לא תרצח... לא תגנוב... ואהבת לרעך כמוך..."

אונדזער שטורמישע צייט האָט דאָך געבראַכט די ראַ־

שיקסטע ענדערונגען אויף אַלע געביטן פון לעבן, ענדערונ־גען פּסיכאָלאָגישע, פילאָזאָפישע, פיזישע און ביאָלאָגישע — זאָל אויך דער פּראַקטישער צוגאַנג צו באַשאַפן אַ ניי יושר־דיק לעבן באַקומען אַ נייעם אינהאַלט.

זינט דעם טויט פון מאַרקסן זענען פאָרגעקומען אַזעלכע גרויסע ענדערונגען אויף אַלע געביטן פון לעבן, אַז קיין שום מענטשלעכע גאונות איז נישט געווען בכוח אַלץ ריכטיק פּאָרויסצוזען. דעריבער איז אויך מער נישט אַקטועל די מאַרקסיסטישע לאָזונג „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק".

די דאָזיקע לאָזונג איז אפשר געווען נייטיק ביים אויפ־קום פון דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט דאַן אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט מצד די גייסט־לעכע, וועלכע האָבן דערזען אין דער נייער מאַרקסיסטישער באַוועגונג אַ כוח, וועלכער קאָן אָפּרייסן די גלויביקע מאַסן פון רעליגיע, אָבער די לעבנס־פּראַקטיק פון אונדזער צייט האָט באַוויזן, אַז עס איז מעגלעך אַ דערנענטערונג צווישן סאָציאַליזם און רעליגיע.

די דאָזיקע צוויי לעבנס־וועגן זענען נישט אין קיין סתירה צווישן זיך, מען קאָן זיין אַ גלויביקער און אויך קעמפן פאַר אַ סאָציאַליסטישן לעבנס־סיסטעם, פּונקט אַזוי קען ביי דער הערשאַפט פון אַ סאָציאַליסטישן אָרדענונגס־סיסטעם רעליגיע ווייטער דערפילן אירע רעליגיעזע אויפגאַבן.

געננוג ביישפּילן האָט דאָס לעבן באַוויזן, אַז דער וועג פון רעליגיע איז נישט אין סתירה צום וועג פון באַפרייען די וועלט פון אומרעכט, גוואַלד און אונטערדריקונג.

רעליגיע און סאָציאַליזם

די דאָזיקע צוויי גרעסטע וועלט־שיטות אין דער געשיכ־טע, זענען ביידע אַרויסגעהויבן געוואָרן אין לעבן צוליב ענלעכע צילן: אַלס אויסלייזנדיקע אידעען פאַר דער מענטש־הייט. די ביידע לעבנס־פילאָזאָפיעס זענען געקומען אין לעבן צו וועקן האָפענונג און גלויבן.

די ערשטע, אין דער פאָרם פון אַ געטלעכן משיח, וועל־כער דאַרף אויסלייזן די וועלט, און די צווייטע, אַלס אָנזאָגער פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווו עס וועט הערשן יושר און גלייכהייט.

אָבער ביידע שיטות זענען געקומען אין לעבן (כאָטש אויף באַזונדערע אופנים) צו העלפן די ליידנדיקע, באַוואלטע און אונטערדריקטע, דערפאַר טאַקע זענען ביידע אָנערקענט געוואָרן דורך דער מערהייט מענטשן אַלס די וועגווייזער פאַר אַ בעסערער וועלט.

רעליגיע און סאָציאַליזם זענען דערשינען אין לעבן ווי אַ נויטווענדיקייט. די ערשטע — אַלס באַוועגונג פון פסי־כיש־גייסטיקן כאַראַקטער, און די צווייטע — אַלס סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַוועגונג. אָבער ביידע זענען געוואָרן די גייס־טיקע קוואַלן, פון וועלכע עס שעפּן גלויבן די מערהייט מענטשן פון אַלע צייטן און דורות. ביידע שיטות זענען דאָס

ליכט, אין וועלכע יעדער לויט זיין שטייגער געפינט אַ שטראַל פון האָפענונג.

רעליגיע, מיט איר מאָראַל און עטיק, איז דערשינגען אין לעבן ווי אַ לערע, וועלכע פירט דעם מענטשן אויף וועגן פון אמת, יושר און צדק, ווי דער העכסטער גייסטיקער אָנ־שפּאַר פאַר ערלעך־גלויביקע פון אַלע צייטן.

מיט דורות שפּעטער איז געקומען דער וויסנשאַפטלע־כער סאָציאַליזם, וועלכער איז געוואָרן די פאָלקס־רעליגיע פאַר מיליאָנען אונטערדריקטע און סאָציאַל־באַעוולטע. אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם האָבן זיי געפונען אַ וועג צו דערליי־זונג און באַפרייונג.

דער קאָמוניסטישער טעאָרעטיקער און געוועזענער ביל־דונגס־קאָמיסאַר לונאַטשאַרסקי, האָט אויך אין זיין ווערק „רעליגיע און סאָציאַליזם" ברייט באַהאַנדלט די רעליגיע פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. ער געהער דווקא צו די, וועלכע שאַצן יאָ אָפּ דעם היסטאָרישן באַדייט פון רעליגיע, ער איז גענויגט צום געדאַנק, אַז דער תוך פון רעליגיע קען און מוז איבערבלייבן. צווישן אַנדערן פרעגט לונאַטשאַרסקי:

„וואָס באַדייט האָבן אַ רעליגיע? דאָס באַדייט פאַר־שטיין צו דענקען וועגן דער וועלט און צו פילן די וועלט, אויף אַזאַ אופן, אַז די ווידערשפּרוכן צווישן די געזעצן פון לעבן און די געזעצן פון דער נאַטור זאָלן פאַר אונדז אויפ־געלייזט ווערן".

ער האַלט אויך, אַז „רעליגיע לעבט און וועט לעבן, אָבער זי האָט פולשטענדיק איבערגעביטן אירע פאָרמען, אין דער אמתן האָבן אויך די פריערדיקע רעליגיעס געדורשט נאָך

גליק און געשטרעבט דערצו, דורך דערקענטעניש און אַר־בעט, אָבער די דערקענטעניש און אַרבעט זענען איצט ריי־נער געוואָרן. זיי האָבן זיך אָפּגערייניקט פון פּסולת, פון די אומגעלומפּערטע השערות און פאַלשע מאַניערן, און דאָס האָט נאָר געקאָנט דערהויבן רעליגיע צו אַ נייער מדרגה, אָבער פאַר קיין פאַל נישט צעשטערן...״.

לונאַטשאַרסקי, וועלכער האָט געוואָלט שאַפן פון מאַרק־סיזם אַ רעליגיע, קומט צום אויספיר, אַז „מאַרקס האָט גע־בראַכט אַ נייע רעליגיע, אין אַ געוויסן זין איז ער דער ממשיך פון די נביאים אַלס אָנזאָגער פון גערעכטיקייט״. ווייטער שרייבט ער: „עס קען נישט פאַרגליווערט ווערן אין אַ דאָגמע די לעצטע גרויסע רעליגיע, וואָס אַ ייד אַ ריז האָט געשאָנקען דעם פּראָלעטאַריאַט״.

אויך לענין, אַ שטאַרקער קעגנער פון רעליגיע, האָט געמוזט אָפּשאַצן דאָס וויכטיקע אָרט וואָס רעליגיע פאַר־נעמט אין לעבן. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי אויסצופילן דאָס אָרט פון דער אַרויסגעשטויסענער רעליגיע.

אויפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמונים־טישער פאַרטיי אין יאָר 1925, האָט קאַלינין דערציילט, אַז ווען עס איז איין מאָל אויסגעקומען צו פרעגן לענינען, מיט וואָס צו פאַרבייטן רעליגיע, וועלכע מוז אומפאַרמיידלעך פאַרשווינדן, האָט לענין באַמערקט, אַז אַחוץ מיט טעאַטער, איז נישטאָ קיין שום אינסטיטוציע, מיט וועלכער מיר וואָלטן געקאָנט פאַרבייטן רעליגיע.

אָבער נישט וועגן פאַרבייטן גייט דאָ, עס גייט אין

געפינען אַ פּאַרעם פון אַ דערנענטערונג צווישן סאָציאַליזם און רעליגיע, וועלכע לעבט און וועט לאַנג לעבן.

אין דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָט דער גורל אויף אַן ענלעכן אופן באַגלייט די ביידע אַלוועלט־לעכע אידעען — רעליגיע און סאָציאַליזם — מיט טעראָר און נגישות, מיט קידוש השם און תליות, מיט אויפשטייגן און מפּלות.

אָבער נאָך אַלע דערשיטערונגען, זענען די ביידע אי־דעען דאָך פאַרבליבן די גייסטיקע לעבנס־קוואַלן, צו וועמען עס זענען געווענדעט די אויגן און הערצער פון אַלע ערלעכע מענטשן.

סאָציאַליזם פּליוס רעליגיע, קאָן ווערן די ווירקזאַמסטע שטויסקראַפט, דער שטאַרקסטער סטימול צו דער שאַפונג פון אַ יושרדיקער וועלט. אָבער דערביי פאָדערט זיך צו **רעהאַביליטירן רעליגיע אין ליכט פון סאָציאַליזם**; דער סאָ־ציאַליזם דאַרף ענדערן די באַציונג צו דער רעליגיע, אָנער־קענען דעם וועג פון רעליגיע אַלס אַ באַוועגונג מיט אַן ענ־לעכקייט צו דער באַפרייונגס־אידעע פון סאָציאַליזם. די מענטשלעכע געשיכטע איז דאָך גענוג רייך מיט פאַקטן פון רעליגיעזע באַוועגונגען, וועלכע זענען לאַנגע יאָרן געווען פאַרבינדן מיט סאָציאַלע באַוועגונגען.

אָבער צום באַדויערן, איז דער מאַרקסיזם, נאָך עד היום, געבליבן שטעקן אין דער אַנטיטעזע, און איז נישט פאַראינטערעסירט צו געפינען וועלכע עס איז פאָרעם פאַר אַ דערנענטערונג מיט רעליגיע.

ס'איז אומלאָגיש צו וועלן טראַכטן, אַז אַזאַ ווירקזאַמער

געבויט ווי רעליגיע זאָל אָפּשטאַרבן און פאַרשווינדן פון לעבן. דערפאַר איז נישט פאַרשטענדלעך, צוליב וועלכע סיבות האָט זיך געשאַפן אַ שיידוואַנט צווישן רעליגיע און סאָציאַליזם. אַז דווקא די סאָציאַליסטישע שיטה, וואָס האָט אויסגעקריצט אויף אירע קאַמפּס-פּענער די לאָזונג „קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט", אַז דער אידעען-וועג, וועל־כער האָט זיך געשטעלט פאַרן הויפּטציל צו באַפרייען די מענטשהייט פון עוולות און אומרעכט — זאָל עס ווערן די הויפּט-קעמפּערין קעגן רעליגיע?

ווי מאָדנע איז געשען, אַז קעמפער פאַר אַ יושרדיקן לעבנס-סיסטעם זאָלן ווערן די ערנסטסטע קעגנער פון דער הומאַניטאַרער רעליגיע, וועלכע האָט באַגלייט די מענטשהייט אויף אַלע אירע לעבנס-עטאַפּן, און האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן דערצויגן דעם מענטש אין גייסט פון הומאַניזם און ערלעכקייט.

עס איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטן, צי וואָלטן מיר דען דערגאַנגען צום אַלגעמיין-מענטשלעכן, קולטור-וויסנשאַפט־לעכן פאָרשריט, ווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק וואָלטן יענע דורות נישט דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון די געטלעכע געבאָטן „לא תרצח", „לא תגנוב", „לא תחמוד" — געבאָטן, וועלכע האָבן יענע פרימיטיווע מענטשן געלערנט צו זיין ערלעך, מענטשלעך און ברידערלעך.

אורטיילנדיק לויט די היינטיקע צייטן און באַדינגונגען, קענען מיר זיך ערשט פאָרשטעלן, ווי וואָלט אויסגעזען דאָס לעבן אין יענע צייטן — אָן אַזעלכע עטיש-רעליגיעזע געבאָטן.

דער תמצית פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, מיט אַלע

זיינע צילן, לאַזונגען און פרייהייטס־שטרעמונגען, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון יענע רעליגיעז־עטישע שטרעמונגען, וואָס דינען דער אייביקער מענטשהייט.

און דאָס פירט צו אַ לאָגישן אויספיר: אָן דער תורה און אירע עטיש־הומאַניסטישע געבאָטן, וועלכע האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן געפירט די מענטשהייט צו ליכט און ערלעכקייט, וואָלטן אפשר נאָך היינט נישט געווען קיין פרייהייטס־שטרעמונגען. דערבײַ קען מען אויך צווייפלען, צי ווען נישט דער שטאָלצער קאַמפס־וועג פון די נביאים, וואָלט היינט בכלל געווען די אידעע פון מאַרקסיזם.

אָבער היינט, אין לעבן פון דער מאָדערנער נייער צייט, זענען ס׳רוב סאָציאַליסטישע באַוועגונגען גרויסע קעגנער פון רעליגיע. פאַרוואָס?

נישטאָ קיין שום לאָגישע פאַרענטפערונג דערויף!

אפשר דערפאַר, ווייל מיטן אויפקום פון מאַרקסיזם האָט מען געוואָלט באַשאַפן אַ נייע רעליגיע, און ברענ־גענדיק אַ נייע — מוז מען אויסמעקן די אַלטע?

אָבער דאָך האָט די מאַרקסיסטישע לערע נישט געקענט אַנטלויפן פון ישעיהו און ירמיהו, פון ישו הנוצרי און פון די איסיים.

דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם האָט נישט געקענט פאַרבייגיין די געשיכטע פון די רעליגיעז־קעמפערישע גע־שטאַלטן, וואָס האָבן געווידמעט זייער גאַנץ לעבן, זייערע אַלע כוחות, צו ברענגען ליכט און וויסן פאַרן פאָלק.

אָבער די היינטיקע פרייהייטס־קעמפער נעגירן רעליגיע

און באַטראַכטן די דאָזיקע געטלעכע אידעע ווי אַן אַנטי-פּרייהייטס-באַוועגונג!

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קעגנערשאַפט צו רע־ליגיע — זענען מיליאָנען מענטשן דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון אַנטירעליגיע און צו אַלעם, וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיט גלויבן. זיי האָבן דערצויגן מיליאָנען מענטשן אין גייסט פון גאָטלאָזיקייט, מיינענדיק, אַז דערמיט וועט מען דערנענטערן די אויסלייזונג און באפרייונג פון דער מענטשהייט.

די אויסלייזונג איז נאָך נישט געקומען. דערפאַר אָבער האָט זיך געמערט גראָבקייט, שנאה און אַמעראַצישקייט, דערפאַר האָט זיך געמערט שלעכטס און אומגערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש, ווייל אַן גאָט אין הארצן איז דער מענטש אויסגעטאָן פון אַלע עטיש-דערהויבענע געפילן, ווייל אָן צלם-אלוקים איז דער מענטש פעיק צו אַלדאָס בייז.

דאָס לעבן און די געשיכטע זענען גענוג רייך מיט ביי־שפילן און פאַקטן ווי אַזוי שיינע אידעען און פּרעכטיקע לאָזונגען ווערן אין טאָג-טעגלעכן לעבן, אין זייער פּראַקטיק — דערנידעריקט, פאַראומרייניקט, ווייל עס פעלט העכערער גלויבן, ווייל מיט בלויזע פרייהייטס-לאָזונגען קען מען דעם מענטש נישט איבערדערציען, ווייל קיין שום סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אָן געטלעכן גלויבן קען נישט געבן די גאַ־ראַנטיע פאַר אמתדיקן יושר און הומאַניזם, ווייל קיין גאָט־לאָזע געזעלשאַפט קען נישט שאַפן קיין גליק פאַר דער מענטשהייט.

איז די אידעע פון סאָציאַליזם
אין קאָנפליקט מיט רעליגיע ?

די אידעע פון סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאַר אַ סכום פון שטרעבונגען און צילן, וואָס דאַרפן באַפרייען די מענטשהייט פון ליידן, צרות, נויט און אונטערדריקונג, און הגם די עקאָנאָמישע אַספּעקטן פון סאָציאַליזם זענען זייער וויכטיקע — שעפּן זיי אָבער בשום אופן נישט אויס דעם גאַנצן אינהאַלט זיינעם.

אין זאָרג פאַר באַפרידיקן די גרונט־באַדערפעענישן פון די ברייטע מאַסן, טאָרן מיר נישט פאַרנאַכלעסיקן אויך די אַנדערע צילן פון סאָציאַליזם, ווי גלייכהייט און פרייהייט, מאָראַל און עטיק, ווי די אַנטוויקלונג פון קולטורעלע און עטישע פּרינציפּן.

ווייל כאָטש די סאָציאַליסטישע לאָזונגען זענען בעיקר פון עקאָנאָמישן און מאַטעריעלן כאַראַקטער — טראָגט אָבער די אידעע פון סאָציאַליזם אויך אַ גייסטיקן כאַראַקטער; זי איז אַ נשמה־דערהויבנדיקע שטרעבונג צו אמת, יושר און גערעכטיקייט.

דערפאַר איז נישט קיין ווּנדער, וואָס די אידעען פון סאָציאַליזם האָבן באַווירקט די מערהייט ערלעכע מענטשן

אויף דער וועלט, וועלכע אַנערקענען די דאָזיקע אידעען אַלס דעם הומאַניטאַרן לעבנס-וועג פאַר אַ יושרדיקן וועלט-סדר.

אָבער די מענטשן, וועלכע גלייבן אין סאָציאַליזם, ווילן נישט מקריב זיין זייערע בעסטע צילן און טרוימען בלויז פאַרן אַזוי גערופענעם „עקאָנאָמישן סאָציאַליזם", ווייל דער סאָציאַליזם דאַרף נישט באַנומען ווערן בלויז ווי אַ מעכאַניש-ווירטשאַפטלעכע ענדערונג, נאָר אויך ווי אַ הומאַניטאַרע, וועלכע דאַרף אַרויספירן די מענטשהייט נישט בלויז פון איר מאַטעריעלער, נאָר אויך פון איר גייסטיקער נויט.

דאָ דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער מאָמענט פון עטיק אין סאָציאַליזם, דאָס הייסט, אַז נישט בלויז די רעקאָנסטרוקציע פון דער עקאָנאָמיק איז וויכטיק, נאָר אַלע דערהויבנקייטן פון אונדזער פיזישן און גייסטיקן לעבן. עס איז נישט גענוג, אַז בלויז די פּראָדוקציע-מיטלען זאָלן ווערן סאָציאַליזירט, כדי צו זאָגן, אַז עס זענען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן די טרוימען וועגן סאָציאַליזם.

מיר מוזן קענען אריבערשפּאַנען די ענגע גרענעצן פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן גורל פונעם מענטש און אים אויך אַריינפירן אין דער ספערע פון דער העכערער גייסטיקער וועלט, ווייל די סאָציאַליסטישע אידעען אַלס אַזעלכע שטויסן זיך אויך אָן אויף אוניווערסאַלע אידעען.

מיר מוזן בכוח זיין אַוועקצונעמען דעם תהום צווישן דעם סאָציאַליזם און דער געטלעכקייט, עס זאָל פאַרשווינדן די אָפּגעפרעמדטקייט פון סאָציאַליסטיש-געשטימטן מענטש צו גאָט.

מען דאַרף פאַראייניקן דאָס מיסטישע מיטן רעאַלן ; עס

איז נישט גענוג צו זאָרגן בלויז פאַר דער באַפרידיקונג פון די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון אַרבעטס-מענטש, ווייל טרו-קענער עקאָנאָמישער סאָציאַליזם פאַרלירט דעם קווינטעסענץ פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. אָן געטלעכקייט איז נישטאָ קיין סאָציאַליזם, אָן אַ העכערער גייסטיקייט קען דער מענטש נישט ווערן בעסער. און צווישן ערלעכער רע-ליגיע און אויפריכטיקן סאָציאַליזם איז נישטאָ קיין קאָנ-פליקטן, ווייל דווקא רעליגיע איז מער ווי אַן אַנדערע אידעאָ-לאָגיע פעיק צו דערפירן דעם מענטש צו אַנדערשקייט, צו בעסערקייט, צו גוטע מידות, צו ערלעכקייט און פריינדשאַפט.

דער אידעאַל פון רעליגיע, — דער העכסטער מאָראַלי-שער לעבנס-וועג — איז אין בפירושן הסכם מיט די געבאָטן פון ריכטיק פאַרשטאַנענעם סאָציאַליזם — מיטן ערלעכן וועג צו באַפרייען דעם יחיד און די גאַנצע מענטשלעכע געזעלשאַפט.

וואָס וויל דער סאָציאַליזם? אַ וועלט פון שלום און פרייהייט, אַ וועלט, וווּ עס וועט נישט זיין קיין עקספּלואַטאַ-ציע און נישט קיין פאַרשקלאַפונג פון מענטש דורך מענטש, און אויך נישט פון איין פאָלק דורכן צווייטן.

סאָציאַליזם הייסט, אַ שטרעבונג צו אַ וועלט, וווּ די אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידועלער פערזענלעכקייט וועט זיין דער יסוד פאַר אַ געבענטשטער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אָבער דער סאָציאַליזם קען האָבן דאָן אַ דויערהאַפטיקייט, ווען ער וועט פאַראַנקערט ווערן אין אַ הויכער מאָראַלישער געטלעכער אידעע.

אַוודאי, ווען מען עס אינטערעסירט בלויז אַבסטראַקטע

אידעע מיט קאַלט דעמאַגאָגישע לאָזונגען — דער קען זיין קעגן רעליגיע, אָבער וועמען עס אינטערעסירט דער מענטש, דער ערלעכער מענטש, וואָס שטרעבט אויפריכטיק צו יושר און אמת, דער ערלעכער סאָציאַליסט, וואָס נעמט אין אַכט אַלע נייע ענדערונגען און דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט אויף אַלע געביטן פון לעבן, אַלע דערשיינונגען וואָס רינגלען אים אַרום און ווירקן אין אונדזער לעבן — דער וועט אָנערקענען דעם דאָזיקן נייעם וועג אַלס אַן אַבסאָלוט נאַטירלעכן.

אַ בריק וואָס פאַראייניקט

נישט ווינציק ראַנגלענישן זענען פאָרגעקומען אין משך פון לאַנגע דורות, ביז וואַנען די וועלט האָט זיך אויסקרים־טאַליזירט אַזאַ, ווי מיר זעען זי היינט.

פאַרשטענדלעך, אַז די שטאַרקערע, באַזיצנדיקע און הער־שנדיקע טיילן פון די פעלקער האָבן זיך צוגעאייגנט די וויכ־טיקסטע אינסטיטוציעס און פאָלקס־אוצרות, וועלכע זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפן דינען זייערע אינטערעסן. זיי האָבן אויך דערשאַצט די וויכטיקע פונקציע, וואָס עס דערפילט רעליגיע ביי דער מערהייט מענטשן, וועלכע זענען גלויביקע. דעריבער האָבן די דאָזיקע באַזיצנ־דיקע און הערשנדיקע צוגעאייגנט זיך די מאַכט פון דער רעליגיע צוזאַמען מיט דער מערהייט גייסטלעכע — לטובת זייערע אינטערעסן, לטובת זייער הערשאַפט.

און אַזוי איז געשען, אַז רעליגיע, וואָס איז אין איר מהות אַ הומאַניטאַר־עטישע באַוועגונג, און איז אידעיש נאָענט צום אַרבעטער־קלאַס — איז דאָך אין משך פון לאַנגע דורות אויסגענוצט געוואָרן לטובת די באַזיצנדיקע קלאַסן, רעליגיע, וואָס פירט דעם מענטש צו ליבע און גערעכטיקייט; רעליגיע, וועמענס פילאָזאָפישע לערע איז אַ דורשט נאָך

יושר און אמת — ווערט אויסגענוצט אין דער מערהייט פאָלק לטובת די באַזיצנדיקע קלאַסן.

לויט אַלע געשיכטלעכע מקורות האָט די אידעע פון סאָציאַליזם איר פאַרגעשיכטע און רעליגיע; איז דאָך דער וועג פון סאָציאַליזם אַ דירעקטער המשך פון די נביאים און פון אַנדערע רעליגיעזע געשטאַלטן.

אַ פאַקט איז, אַז די פאַרגייער פון סאָציאַליזם זענען געווען רעליגיעז־נביאישע געשטאַלטן, וועלכע האָבן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק געקעמפט פאַר גערעכטיקייט און האָבן געפּרעדיקט, נאָך אין יענעם אָנהייב פון אונדזער געשיכטע, לאָזונגען, וואָס האָבן אַ פולע ענלעכקייט צו די, פאַר וועלכע עס קעמפט היינט דער ווינסשאַפטלעכער סאָציאַליזם.

ווער איז געווען דער נביא? דער וואָס האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער טאָג־טעגלעכער פאַלשקייט און צביעות, מיט די עוולות, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם אָרעמען פאָלק.

דאָס איז דער נביא, דער קעמפער פאַר גאָטס וואָרט, וואָס איז שטענדיק, ביי אַלע אומשטענדן, דער זוכער פון יושר און אמת, אַ געשטאַלט, וואָס מאָנט דרייסט גערעכטיקייט, און אָן פּחד וואַרפט ער דעם אמת אין די אויגן פון די רייכע, הערשער און מלכים.

דאָס איז דער פּרעדיקער פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג; דער נביא איז דער וועקער צו ווידערגעבורט, צו אַ ניי לעבן מיט גרויסע האָפענונגען, דער טרייסטער פון אָרעמע און אונטערדריקטע, דער וואָס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף די הערשנדיקע און באַזיצנדיקע קלאַסן.

נאָך מיט קרוב דריי טויזנט יאָר צוריק האָט דער נביא אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף פאַר יושר און אמת — קעגן עוולות און אומרעכט, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם אָרעמען מצד די כוהנים און די נאָענטע צום מלכות.

גאָר בולט ווערן אַרויסגעהויבן די הערלעכע געשטאַלטן פון ישעיהו בן אמוץ, עמוס, ירמיהו און אַנדערע, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין די צייטן פון די יידישע מלכים. דערביי איז כדאי אַ טראַכט צו טאָן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין יענע צייטן, ווען דאָס יידישע קעניגרייך פון ירבעם דעם צווייטן, האָט דערגרייכט צו אַ הויכן שטאַפּל פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן וווילשטאַנד. דער גרויסער אויפשטייג פון האַנדל מיט די אַרומיקע שכנישע פעלקער האָט געשאַפן רייכטום, לוקסוס און וווילשטאַנד, אָבער בלויז פאַר די אויבערשטע שיכטן, וועלכע האָבן אין רעזולטאַט דערפון זיך נאָך שטאַרקער געיאָגט נאָך תענוגים.

דאַקעגן ביים פשוטן פאָלק איז געוואַקסן אָרעמקייט און נויט, זיי האָבן גאָרנישט געגאָסן פון גרויסן אויפשטייג אין דער מלוכה־ווירטשאַפט.

די אָרעמע פישער און פויערים זענען געצוווּנגען צו צאָלן הויכע שטייערן צו די רייכע; ביי דעם וואָס האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן האָט מען צוגענומען דאָס לעצטע ביסל האָב און גוטס, און טייל מאָל האָט ער נאָך געמוזט אַוועקגיין פאַר אַ קנעכט.

ווער האָט זיך עס, אין יענע באַדינגונגען, מיט צוויי טויזנט זיבן הונדערט יאָר צוריק, אַנטקעגנגעשטעלט די גרויסע עוולות פון וועלכע עס האָט געליטן דאָס אָרעמע פאָלק?

ווער האָט געוואַגט, אָפן און דרייסט, צו שטעלן זיך אין פאַר־טיידיקונג פון די אָרעמע און אונטערדריקטע מענטשן?

דאָס איז געווען דער נביא, דער גייסטיקער פאַסטעך פון פאָלק. ער וואַרפט זיינע שטראָפרייד קעגן די רייכע, וואָס „פאַרקויפן פאַר זילבער די גערעכטיקייט". דער נביא שטעלט זיך איין פאַר די סאָציאַל־באַעוולטע און אויסגענוצטע.

ער טרעט אַרויס קעגן די, וואָס לעבן אין לוקסוס אויפן חשבון פון די אָרעמע. זיי שלאָפן אין בעטן פון העלפאַנט־ביין און אין זיידנס פון דמשק, אפילו דאָס מקריב זיין אויפן מזבח האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין פריילעכע הוליאַנקעס.

דער אומדערשראָקענער קעמפער פאַר אמת, דער נביא, פאַראייניקט דאָס רעליגיעזע מיטן פּאָליטישן, ער וואָרנט די מאַכטהאָבער, אַז „גאָט אַליין וועט נישט פאַרבייגיין שטיל־שווייגנדיק די סאָציאַלע עוולות, וועלכע ווערן באַגאַנגען לגבי די אָרעמע שיכטן פון פאָלק..."

אָט אַזעלכע זענען עס געווען די נביאים, וועלכע האָבן די ערשטע אין דער געשיכטע אַנטקעגנגעשטעלט זיך קעגן שלעכטס און זינד, קעגן סאָציאַלע עוולות און אונטערדריקונג, און אַלס אַזעלכע זענען זיי פאַרבליבן די אומשטערבלעכע פאַרקעמפער פאַר אַ וועלט פון יושר, אמת און צדק.

זיי, די רעליגיעזע נביאישע געשטאַלטן, האָבן עס שוין דאַן אַוועקגעשטעלט די שיידליניע, וועלכע האָט זיך אַוועק־געשטעלט צווישן דעם מלך און זיין משפּחה, מיט די כוהנים און רייכע פון איין זייט — און דאָס אָרעמע פאָלק, דאָס פויערטום, די פישער און פאַסטעכער — פון דער צווייטער זייט.

דערביי איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די נביאים זענען שטאַרק צוגעבונדן צום יידישן פאָלק און צו דער יידישער רעליגיע, זענען זיי גלייכצייטיק אַרויסגעגאַנגען איבער די גרענעצן פון זייער פאָלק און דת, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט.

אַזוי, למשל, האָט דער נביא ישעיהו בן אמוץ באַוויזן אויף אַ פּרעכטיקן אופן צו פאַרבינדן דאָס אוניווערסאַלע מיטן יידישן פאָלק, מיט גאָט פון ישראל. ער איז דער נביא, וואָס האָט נאָך מיט קרוב דריי טויזנט יאָר צוריק אויפגעהויבן דעם קאַמף קעגן מלחמה און פעלקער־מאָרד; ער האָט גערופן צו פאַרוואַנדלען דאָס געווער אין אַקעראייזנס, און אַז „עס זאָל מער נישט אויפהייבן קיין שווערד אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק".

דאָס איז אויך דער נביא, וואָס זאָגט פאַר דעם שלום אויף דער וועלט, ווי עס וועלן וווינען אונטער איין דאַך „אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט מיט אַ ציג".

אָט די דאָזיקע רעליגיעז־נביאישע געשטאַלטן, די קעמפער פאַר אמת און קעגן אומרעכט, דאַרפן אונדז דינען אַלס ביישפּיל, ווי אַזוי מען קען פאַראייניקן דאָס אמת־רעליגיעזע מיטן קאַמף פאַר אַ וועלט פון סאָציאַלן יושר, ווי אַזוי מען קען דערנענטערן דאָס ערלעך־רעליגיעזע צום סאָציאַל־פּאָליטישן, דאָס געטלעכע — צום הומאַניזם.

אויך די נוצרי־געשטאַלט איז דעמאָלט דערשינען ווי אַ זוכער פון יושר, ווי אַ קעמפער פאַר גערעכטיקייט.

אויך יעזוס קומט מיט זיינע שטראָפרייד קעגן די מאַכט־האָבער, קעגן די רייכע און זאַטע. און זיין רוף „צו פאַרניכטן

די זינדיקע וועלט" זענען דאָך סאָציאַלע מאָטיוון, וועלכע רופן צו גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

דאָס איז קריסטוס׳ באשולדיקונג קעגן דער הערשנדיקער אָרדענונג, וואָס טראָגט אין זיך נישט קיין גערעכטיקייט, נאָר ברענגט עוולות און אומרעכט לגבי דער מערהייט פון פאָלק.

אין לויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע באַגעגנט מען נאָך אַ סך רעליגיעזע געשטאַלטן, פאַרטיידיקער פון אָרעמען פאָלק. די דאָזיקע רעליגיעזע פאַסטעכער ווערן חוץ רעליגיעז־גייסטלעכע, אויך פאַרטיידיקער און מאָנער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אַזוי, למשל, האָט אין זעקסטן יאָרהונדערט געלעבט דער גייסטלעכער „גריגאָראָס דער גרויסער", וואָס לערנט:

„נישט אָפּנעמען ביים צווייטן זיין אייגנטום איז נאָך ווייניק; קיינער קען זיך נישט האַלטן פאַר אומשולדיק אַזוי לאַנג, ווי ער באַהאַלט פאַר זיך גיטער, וועלכע גאָט האָט באַשטימט פאַר אַלעמען".

פלאָרענצאָס (אַ פריינד און תלמיד פון בערגהאַרדן פון נידערלאַנד) זאָגט אין זיינע אַפּאָריזמען:

„וויי צו דעם, ווער לעבנדיק אין אַ געמיינדע, זוכט זיינס, און זאָגט וועגן עפּעס — מיינס".

אין פופצנטן יאָרהונדערט האָבן די „אָרעמע ברידער" אָדער ווי מען האָט זיי גערופן די „אָרעמע גלחים", געפּרעדיקט אין ענגלאַנד די אַלט־קריסטלעכע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. זייער דעוויז איז געווען: „ווו איז געווען דער פּריץ, בעת אָדם האָט געאַקערט און חוה האָט געשפּונען?".

דער הויפּט־פֿאָרשטייער פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג, דזשען באַלל, זאָגט אין איינער פֿון זיינע דרשות — לויטן היס־טאָריקער פֿרואַיסואַר:

„ליבע ברידער, דאָס לעבן אין ענגלאַנד וועט נישט ווערן בעסער, כּל־זמן עס וועט נישט איינגעפֿירט ווערן קיין געמיינזאַמקייט פֿון פֿאַרמעגן און כּל־זמן עס וועלן נישט פֿאַרשווינדן פּריצים און אויסגענוצטע, און די פּריצים וועלן שטיין העכער פֿאַר אונדז.

ווי אַזוי באַהאַנדלען זיי אונדז? פֿאַר וואָס זענען מיר ביי זיי אין קנעכטשאַפֿט? אַלע שטאַמען מיר פֿון די זעלבע עלטערן, פֿון אָדם און חוה, מיט וואָס קענען די הערן באַווייזן, אַז זיי זענען בעסער פֿאַר אונדז?"

אויך די קאָמוניסטישע פּרעדיקער און באָהעמען פֿלעגן פּרעדיקן, אַז:

„פּראַג וועט פֿאַרברענט ווערן דורכן געטלעכן פֿייער ווי סדום, נאָר די רעכטפֿאַרטיקע וועלן ניצול ווערן און געפֿינען רעטונג אין אַנדערע שטעט, קריס־טוס וועט דערשיינען אין גלאַנץ פֿון זיין רום און וועט גרינדן אַ קעניגרייך, ווו עס וועט נישט זיין קיין האַרן, קיין דינער, קיין זינד, קיין צרות".

באַזאַר, דער תּלמיד פֿון סען־סימאָן האָט פֿאַרויסגעזאָגט, אַז:

„דער מענטשהייט שטייט פֿאַר אַ גרויסע רעלי־גיעזע צוקונפֿט. די רעליגיע פֿון דער צוקונפֿט וועט זיין שענער און מעכטיקער ווי וועלכע עס איז רעליגיע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. איר דאָגמאַט וועט זיין דער סינ־

טעז פון אַלע פאָרמען פון מענטשלעכן „זיין", פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. די סאָציאַל-פּאָליטישע אינ-סטיטוציע, אין גאַנצן גענומען, וועט זיין אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע".

אויך אין שפּעטערדיקע דורות באַגעגנט מען אַזעלכע „קירכן-פאָטערס", וועלכע טרעטן ענערגיש אַרויס קעגן דעם, אַז דאָס קריסטנטום זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געצייג פון עקספּלואַטאַציע.

די דאָזיקע געשיכטלעכע פאַקטן באַשטעטיקן בולט די קרובהשקייט פון רעליגיע מיט סאָציאַליזם; זיי באַשטעטיקן די אידעאָלאָגישע נאָענטקייט פון די לערעס פון די נביאים, פון קריסטטוסן, מיט די קאַמפּס-לאָזונגען, וועלכע עס פּרעדיקט היינט צו טאָג דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם.

אָבער אויך אין דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, אין אונדזערע צייטן, אין דער צייט פון פאָלקס-פראָנט אין פראַנקרייך, אין יאָר 1936, ווען לעאָן בלום האָט איבערגע-נומען די מאַכט, האָט ער באַקומען די אָפיציעלע שטיצע פון די גלויביקע. דער קאַרדינאַל ווערדיע האָט אַפּעלירט צו די קאַטאָליקן, אַז זיי זאָלן העלפן דער רעגירונג פון פאָלקס-פראָנט און זי אונטערשטיצן.

די אַלע פאַקטן זענען נישט צום אָפּלייקענען, זיי באַווייזן די בולטע נאָענטקייט פון די צוויי אוניווערסאַלע אידעען — רעליגיע און סאָציאַליזם. ביידע האָבן זיי אַ פּראָלעטאַרישע וועלט-אַנשויאונג, ביידע קעמפן זיי קעגן שלעכטס און פאַר-דאָרבנקייט, וואָס שטאַמען פון זעלבן גאָט „מאַמאָן" (געלט).

און כאָטש אין משך פון דורות זענען פאָרגעקומען גע-

שעענישן און ענדערונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אַלע טיילן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; און נישט געקוקט אויפן ראַשיקן וווּקס פון דער צאָל און פון באַוווּסטזיין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — איז דאָך רע־ליגיע געבליבן די ריזיקע מאַסן־באַוועגונג, וועלכע האָט גאָר נישט אָנגעווירן פון איר גלאַנץ. אויף דער גאַנצער וועלט, אַפילו אין די קאָמוניסטישע און פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, זענען די פאַרשידענע געבעטהייזער איבערפולט מיט גלויביקע. די ריזיקע געבעטהייזער זאַמלען צונויף מיל־יאָנען מענטשן. אומאָפּהענגיק פון צייט, פאָרשריט און באַ־וווּסטזיין, אומאָפּהענגיק פון אַלע וועלט־נייעסן און ענדע־רונגען, ביי אַלע רעזשימען און סיסטעמען, זענען די גע־בעט־הייזער געבליבן די אַממייסטן באַזוכטע ערטער.

די ריזיקע געבעטהייזער ווערן אין זייער מערהייט באַזוכט דורך דעם פּראָסטן מענטש, דורכן אַרבעטער און פּויער, וועלכע קומען אַהין מיט צעבראָכענע הערצער, מידע פון אַרבעט און פאַרצווייפלטע פון לעבנס־שוועריקייטן, מיט זייערע קרישטאָל־ריינע נשמות קומען זיי בעטן, אויף אַ פּשוטער און ערלעכער שפּראַך, אַ ביסל גליק, געזונט, פּרנסה און שלום.

עס איז אַ פאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט די רעלי־גיע נאָך מער פאַרשטאַרקט איר ווירקונגס־קרייז אין אַלע לענדער, סיי קאַפּיטאַליסטישע, סיי קאָמוניסטישע. עס קומט אָן אַ רעליגיעזער שטראָם, וואָס וועט בקרוב אַרומנעמען דעם גרעסטן טייל פון לעבן.

אָבער עס בעט זיך אָפּצוטיילן פון רעליגיע דעם פאַלשן

לבוש, וועלכן עס האָבן אַרויפגעצויגן אויף איר רעאַקציאָ־נערע, צביעותדיקע גייסטלעכע, וואָס ווילן אין יעדער סי־טואַציע איינרעדן די מאַסן גלויביקע, אַז „אַזוי וויל גאָט"....

גענוג פאַלשע נביאים און רעאַקציאָנערע גייסטלעכע האָבן אונטערן מאַנטל פון גלויבן פאַרוואַנדלט רעליגיע אין אַן אינסטרומענט, וואָס דאַרף דינען די באַזיצנדיקע און הערשנדיקע. אַפילו קאָמענטאַרן צו די הייליקע שריפטן האָט מען זיך באַמיט צוצופאַסן צו זייער געברויך, לויט זייער שטייגער און מענטאַליטעט.

פאַר אונדזער דור שטייט די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ בריק צווישן אָט די צוויי פילאָזאָפיש־נאָענטע וועגן, וועל־כע דינען ביידע די לעבנס־אינטערעסן פון ערלעכן מענטש. עס מוז געשאַפן ווערן די נייטיקע דערנענטערונג פון די דאָזיקע צוויי אידעען, די רעליגיע זאָל קענען צוגעפּאַסט ווערן צו דער אידעע פון סאָציאַליזם, און דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם זאָל קענען זיין האַרמאָניש מיט ערלעכער רע־ליגיע.

עס דאַרף ווערן דער ציל פונעם אַרבעטס־מענטש, פון זיין סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו דערוווערבן דעם צוטרוי פון מיליאָנען מאַסן גלויביקע, צווישן וועלכע די מערהייט זענען אויסגענוצטע, סאָציאַל־באַעוולטע מענטשן.

די קלויסטער־גלאָקן מעגן באַגלייטן די קאַמפס־באַטאַ־ליאָנען פון אַרבעטס־מענטשן, וועלכע שפּאַנען צו באַשאַפן אַ וועלט פון אמת, פרייהייט און גליק.

דער וועג צו אַ יושרדיק לעבן דאַרף ווערן דער געמיינ־זאַמער ציל און קאַמפס־וועג פאַר אַלע ערלעכע מענטשן.

די השפעה פון רעליגיע אויף סאָציאַליזם

נישט געקוקט דערויף, וואָס רעליגיע מיט איר וועלט־אָנשויאונג האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צו אַלע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן, דרינגט זי אָבער פאָרט אַריין אין אַלע ווינקלען פון מענטשלעכן דאַזיין, שפּאַנט זי דאָך איבער אַלע צייטן און דורות, אָן אונטערשיד אויף וואָס פאַר אַ וועגן עס שפּאַנט די מענטשהייט.

צום באַדויערן איז די רעליגיע פאַר אונדזערע אויגן דערשינען, אין רוב פאַלן, ווי אַ באַוועגונג, וועלכע דינט די פּריווילעגירטע, ווו די מאַכט פון רעליגיע געפינט זיך כמעט שטענדיק אויף דער זייט פון די באַזיצנדיקע.

אויך די גייסטלעכע פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן זיך כמעט תמיד געפונען אויף דער צווייטער זייט באַריקאַדע, קעגן די אידעען פון פּראָגרעס און וועלטלעכקייט.

אָבער דאָס איז לחלוטין נישט עלול צו ענדערן דעם תוך פון רעליגיע, וועמענס אידעע פאַרמאָגט פיל ענלעכ־קייטן צו דער אידעע פון סאָציאַליזם. רעליגיע — איז דער עטיש־גייסטיקער כוח, וועלכער טרייבט צו גערעכטיקייט. אין משך פון גאַנצע דורות איז רעליגיע געגאַנגען האַנט ביי

האָט מיט סאָציאַליזם, הינטער די פּענער פאַר אמת, ליבע און גערעכטיקייט. נישט ווינציק פרייהייטס-קאַמפן זענען אין פאַרשידענע צייטן אויך באַגלייט געוואָרן מיטן ענטו־זיאַזם פון רעליגיע.

און אויב מיר באַגעגענען היינט צו טאָג די רעליגיע אַלס באַוועגונג, וואָס טראָגט אין זיך נעגאַטיווע דערשיי־נונגען פאַרן אַרבעטער-קלאַס אַלס אַזעלכן, איז עס בלויז אַ פּועל-יוצא פון היסטאָרישע סיבות, וועלכע האָבן אַרויפ־געפירט די רעליגיעזע באַוועגונג אויף אַזעלכע וועגן.

אָן שום ספק דאַרף מען איינע פון די הויפּט-סיבות פון דאָזיקן צושטאַנד זוכן ביים מאַרקסיזם גופא, וועלכע האָט אויף אַ קאָמפּראָמיסלאָזן אופן געבראָכט מיט זיך די רעלי־גיעזע אַנטיטעזע. נישט געפינענדיק קיין שום שלום-וועג מיט רעליגיע, בעת פּאַקטיש פאַרמאָגט די רעליגיע אין זיך אַלע וואָרצלען, וועלכע האָבן דערפירט צו דער לערע פון סאָציאַליזם און עס האָט בכלל נישט געדאַרפט קומען קיין גאָטלאָזער סאָציאַליזם.

ווייל פּונקט ווי רעליגיע גלויבט אין אַ משיח — גלויבט דער סאָציאַליזם אין אַ גליקלעכער צוקונפט פאַר דער מענטשהייט;

ווייל דער סאָציאַליזם, אַלס אַן אידעע פאַר גערעכ־טיקייט, האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די נביאים, פון אַפּאָס־טאָלן און פון אַנדערע גייסטיקע פירער פון רעליגיעזע באַ־וועגונגען.

אַלס ביישפּיל איז כדאַי זיך צו באַקענען מיט יענער צייט, ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס קריסטנטום, וואָס איז

היינט צו טאָג, איינע פון די שטאַרקסטע און פּאָרויסגייענ־דיקע רעליגיעס אין דער וועלט.

„אין יענער צייט" שרייבט קאַוטסקי, מיט וועלכע ס׳גרעג־נעצט זיך קריסטוסעס געבורט, איז פאָרגעקומען די גסיסה פון דער רוימישער רעפּובליק, און דער אָנהויב פון צעזאַ־ריזם. די אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע זענען געווען באַנקראָט. דער פרייער פּויערים־שטאַנד איז איינגעטרי־קנט געוואָרן, און אין טייל געגנטן — אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַווירטשאַפט פון קנעכט־באַזיצער, וואָס האָט זיך גיך פונאַנדערגעשפּרייט, אַרויסשטויסנדיק די ווירטשאַפט פון פּויערטום, וועלכע זענען רואינירט גע־וואָרן פון די אייביקע מלחמות.

די ערדלאָזע פּויערים, ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָ־לעטאַריאַט אָדער בעסער געזאָגט אין אַ לומפּן־פּראָלעטאַ־ריאַט, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן — האָבן געפּלייצט אין די גרויסע שטעט, ווו זיי בילדן דעם נידעריקסטן שיכט פון דער באַפעלקערונג.

דאָס פּאָליטישע לעבן איז אָפּגעשטאָרבן, דאָס דענקען פון פּראָלעטאַריער און זייערס גלייכן האָט באַקומען גאָר אַן אַנדערע ריכטונג.

די נישט פאַרמעגלעכע זענען מאָראַליש און פּאָליטיש געפאַלן צוזאַמען מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך גענומען שאָקלען. אויף אַזאַ אופן איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר זעלבסטהערשעריי.

אויך די ווירטשאַפט און קולטור, וועלכע האָט זיך פריי־ער געהאַט אַרויסגעהויבן, איז געפאַלן. רוים איז אַראָפּ פון

איר שטאָלצער הויך און אין רעזולטאַט דערפון האָט אָנ־געהויבן הערשן פינצטערניש און אָבערגלויבן, וואָס די שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען האָבן אַרויסגערופן. די ניִדעריקע שיכטן פון פאָלק זענען מיד געוואָרן פון לעבן. זיי האָבן דערפילט אַן עקל צו דער וועלט, וואָס איז פול מיט ליידן".

אָט אַזאַ איז געווען דער באָדן, אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן אין יענער צייט דאָס קריסטנטום. דאָס איז געוואָרן דער שטראַל פון האָפענונג פאַר די גרויסע מאַסן אביונים (אביוניטן), וועלכע האָבן געלעבט אין דער גרעס־טער אָרעמקייט, דערפון דרינגט אַרויס, אַז דאָס אוראַלטע קריסטנטום איז אַנטשטאַנען אַלס רעליגיעזע אידעאָלאָגיע פאַר די אָרעמע קלאַסן, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונ־גען מיט אַ געפיל פון יושר און ברידערלעכקייט.

„דאָס קריסטנטום" שרייבט בעבעל „איז געוואָרן אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דער גייסטיקער שטימונג פון דער מענטשהייט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון די סאָציאַלע לעבנס־באַדינגונגען".

איז דאָך באַקאַנט, אַז ביים אוראַלטן קריסטנטום האָ־בן זיך געשאַפן רעליגיעזע גרופן, וועלכע האָבן צווישן זיך איינגעפירט אַ סיסטעם פון אַ קאָמוניסטיש צוזאַמענלעבן. באַזונדער האָבן זיך אויסגעטיילט די רעליגיעזע גרופן פון איסיים, אביוניטן, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ באַזונדערע פאָרעם פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, נאַטירלעך, אַ צוגעפּאַסטע צו יענע צייטן און באַדינגונגען.

אַזוי באַגעגנט מען דאָן די העכסטע פאָרעם פון אַ

קאָמוניסטיש צוזאַמענלעבן. דווקא ביי פרום־אַסקעטישע געמיינדעס, וועלכע זענען געווען אויסגעטאָן פון שנאה, קנ־אה אָדער תאווה.

דערביי זעען מיר, ווי דער הויכער אידעאַליזם פון רע־ליגיע האָט באַגייסטערט די דעמאָלטיקע מענטשן צום דאָ־זיקן צוזאַמענלעבן, צו שאַפן אַ קאָמוניסטישע געמיינזאַמ־קייט.

איז נישט קיין וואונדער, וואָס דאָס אויפקומענדיקע קריס־טנטום האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די פאַר־צווייפלטע מאַסן און האָט געבראַכט מיט זיך אַ רעוואָלו־ציאָנערער - אויסלייזנדיקן געדאַנק. די פרימיטיווע־קאָמוניס־טישע לאַזונגען אין אַ רעליגיעזער פאָרעם זענען אויפגע־כאַפּט געוואָרן דורך די אָרעמע מענטשן. דאָס האָט זיי געטראָפן צום הארצן, ווייל דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זייערע טרוימען, און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די גע־מיינזאַמקייט פון רעליגיע מיט רעוואָלוציע.

דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט דאָן, ביים אויפקום פון קריסטנטום, פּרעטענדירט צו ווערן די אַלמענטשלעכע רעליגיע, און זי איז צווישן די ברייטסטע מאַסן אָנגעגאַנגען אַלס דעמאָקראַ־טיש־מיסטישע באַוועגונג וואָס האָט געשאָנקען דער וועלט די ערשטע עטישע געבאָטן. די לוחות האָבן מיט זיך פאַר־געשטעלט דעם אָנהויב פון אַ געזעלשאַפטלעכער דיסציפּ־לין, מיט געזעצן, וואָס באַקעמפן שלעכטס און גניבה, און לערנען ליב צו האָבן דעם צווייטן.

דער סימבאָל פון יידישן גלויבן, משיח, איז דאָך אין

תוך אַ געשטאַלט, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך דעם אידעאַל פון ליידנדיקן און גלויביקן טייל פון פאָלק.

דאָס איז דאָך אַ סימבאָל פון יענעם טיפן אויסלייזער, וואָס וויל ברענגען גוטס, נישט בלויז פאַרן אייגענעם פאָלק, נאָר פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט.

אין יענער צייט, ווען דאָס יידישע לאַנד איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די רוימער, וועלכע האָבן דערשטיקט אַלע אויסזיכטן און האָפענונגען פון יידישן פאָלק, און האָבן עם נאַציאָנאַל און סאָציאַל אונטערדריקט, איז פאַר די יידישע פישער און פויערים, אָרעמע און בעלי־מלאכה נישט געבליבן צו ווארטן אויף עפּעס אנדערש, ווי אויפן משיח, און זיי, טאַקע גלויבן יעדן טאָג אין ביאת המשיח, אַז ענדלעך קומט דער לאַנג־דערוואַרטער גואל, און דאַן קומט דאָס געטלעכע קעניגרייך פון אמת און גערעכטיקייט, אָבער דאָס געטלעכע קעניגרייך דאַרף ווערן אַ קעניגרייך פאַר אָרעמע, פאַר די באַוואָלטע פון פאָלק, און דערפאַר האָט דער ברענענדיקער פלאַם פון גלויבן מנצח געווען די גרויזאַמע הערשער פון רוים.

און ווען נבוכדנצר האָט חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרטריבן יהודה פון זיין לאַנד, קומט דער נביא און טרייסט אים. דאַן מישט זיך אוים בונט מיט האָפענונג, רעוואָלוציע מיט מיסטיק, און זיי דערהאַלטן דאָס פאַרטריבענע אונטער־דריקטע פאָלק, וואָס גלויבט אין דער נאָענטער באַפרייונג, אין משיח, וועלכער וועט אויסלייזן דאָס פאַרטריבענע פאָלק.

דער דאָזיקער משיח־געדאַנק איז פאַרוועלטלעכט גע־

וואָרן דורכן סאָציאַליזם, ער גיט האָפענונג די אונטערדריקטע, זאָגט־צו באַפרייונג און אַ גערעכטע וועלט.

אויב ערלעך־רעליגיעזע וואַרטן אויף אַ געטלעך קעניגרייך, איז דערביי אויך פאַראַן דער מיין, אַז דאָס געטלעכע קעניגרייך זאָל ווערן אַ קעניגרייך פון די אָרעמע און ערלעכע.

די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער קריטיקירן יענעם רעליגיעזן קאָמוניזם אַלס אַ פּרימיטיוון און נאַיוון; זיי לאַכן אויס דעם בעטלערישן איסיים־קאָמוניזם, אָבער די זעלבע טעאָרעטיקער קענען דערווייל נישט אַנטקעגנשטעלן קיין שום אַנדערע פאָרעם פון אַ קאָמוניסטישער אָדער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין באַהויכט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, ווי די רעליגיעז־קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין יענער צייט.

✶

אויפן סמך פון די פאַקטן קאָן מען פעסטשטעלן, אַז ביי דער יידישער רעליגיע, פּונקט ווי ביים קריסטנטום, האָט דאָס הויפּט־אָרט פאַרנומען דער סאָציאַל־עטישער געדאַנק. אָבער גאַנץ שנעל איז געקומען אַ צייט, ווען דאָס אָרט פון סאָציאַל־עטישן האָט פאַרנומען דער מיסטישער געדאַנק און מען האָט גיך אויסגעליידיקט פון דער רעליגיע די סאָציאַלע מאָמענטן.

די הערשנדיקע קלאַסן פון יענער צייט האָבן דערשאַצט די גרויסע ראָל וואָס רעליגיע פאַרנעמט אין לעבן. און פּונקט ווי זיי האָבן באַהערשט דאָס גאַנצע לעבן, האָבן זיי אויך זיך צוגעאייגנט די רעליגיע.

פון אָנהויב האָט נאָך די קירך זיך באַמיט צו שאַפן אַ גלייכגעוויכט צווישן פאַרשידענע שיכטן פון פאָלק. אָבער אונטערן דרוק און ווירקונג פון די רייכע, האָט זי שנעל אויסגעלאָשן דעם פּראָלעטאַריש-אַביוניטישן גייסט;

„צווישן פאָלק און די גייסטלעכע" שרייבט קאַוטסקי, „איז שוין אין דריטן יאָרהונדערט פאַרגעקומען אַ קאַמף, אָבער כמעט אומעטום איז בלויז געבליבן דעם פאָלק די רעכט צו באַשטימען קירכלעכע דינער".

ווי נאָר די קירך איז אויסגעוואַקסן אַלס פּאָליטישע קראַפט, האָט זי אויפגעהערט צו פאַרוואַלטן מיט איר פאַרמעגן לטובת אָרעמע.

אין רעזולטאַט דערפון איז די קירך, וואָס איז שיער נישט אַנטשטאַנען ווי „אַ קאָמוניסטישע אינסטיטוציע" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכאַניזם, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די באַזיצנדיקע. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן יענעם שאָטן פון רעוואָלוציאָנערישקייט און דעמאָקראַטישן גייסט, וואָס האָט עקזיסטירט ביים אויפקום פון קריסטנטום.

אָבער טראָץ אַלעם איז פאָרט פאַרבליבן די נאָענטקייט פון רעליגיע, פון אוראַלטן קריסטנטום מיטן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, וועמענס גרונט-לערעס פאַלן זיך צונויף אַלס אידעען פון יושר און עטיק.

נאָר אַן ערלעך סאָציאַליסטישער סיסטעם באַהויכט מיטן אמת פון רעליגיע און באַגלייט מיט אַ רעליגיעזן ענטוזיאַזם, אַנטשפּרעכט די גרונט-אידעען פון די צוויי נאָענטע צו זיך וועלט-באַוועגונגען.

אידעען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט

זינט עס עקזיסטירט לעבן אויף דער וועלט, זינט דער מענטש האָט אָנגעהויבן באַנעמען די וויכטיקסטע דערשיינונגען, וועלכע זענען משפיע אויפן גאַנג פון לעבן — דויערט דער קאַמף פונעם מענטש פאַר עקזיסטענץ און זיין פּראָטעסט קעגן עוולות און אומרעכט, קעגן נויט און אונטערדריקונג.

געוויס אונטערשיידן זיך די דאָזיקע קאַמפן מיט באַזונדערע פאָרמען און אויסדרוקן, אָפּהענגיק פון דער צייט און פון איר קולטור-ניוואָ, אָבער אַ פאַקט איז, אַז דער ציל פון קאַמף איז שטענדיק דער זעלביקער: אָפּשאַפן אומרעכט און עוולות, שאַפן אַן אָרדענונג פון פרייהייט און גערעכטיקייט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מענטשן מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן נישט געקענט געפונען דעם זעלביקן וועג צו אויסלייזונג, ווי די מענטשן פון דער נייער צייט, אָבער אין סאמע תוך זענען די הערצער פון די אַמאָליקע פרייהייטס-קעמפער, פונקט ווי פון די היינטיקע, געווען איבערפולט מיט אַ שטאַרקן קאמפס-ווילן אָפּצושאַפן עוולות און אומרעכט, וועלכע האָבן עקזיסטירט און עקזיסטירן לײַדער ביזן היינטיקן טאָג, דאָס הייסט: אָפּצושאַפן די שייד-

ליניע צווישן אָרעם און רייך, צווישן פּריווילעגירטע און דעם המון.

קיין שום פילאָזאָפישע שיטה, אידעע, אָדער רעליגיע אין משך פון אַלע צייטן וואָלט נישט פאַרוואָרצלט געוואָרן אין לעבן, ווען אויף זייערע „לוחות" זאָלן זיך נישט געפינען געבאָטן אָדער לאָזונגען, וואָס באַקעמפן עוולות און אומרעכט, טרעטן אַרויס קעגן שנאה און האַס, קעגן רשעות און גזילה.

ווען מיר אַנאַליזירן די פילאָזאָפישע לערעס פון די רעליגיעס ביז די מאָדערנסטע שאַפונגען פון מאַרקס און ענגעלס, זעען מיר, אַז דאָס זענען אין תוך גענומען — הומאַניסטיש-עטישע לעבנס-וועגן, וואָס קעמפן דורך פאַרשידענע פאָרמען פאַר יושר און גערעכטיקייט.

קיין שום רעליגיע אָדער וויסנשאַפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון אַלע צייטן, האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון סאָציאַל-עקאָנאָמישע פראַגן, וועלכע זענען דער הויפּט-יסוד פון דער סאָציאַליסטישער לערע.

אמת, אַז די דאָזיקע לערעס צעגייען זיך אויף פאַרשידענע באַזונדערע וועגן, ביים דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל, אָבער דער הויפּטציל בלייבט דער זעלביקער — צו העלפן ליידנדיקע און אונטערדריקטע.

אָט דער דאָזיקער געמיינזאַמער ציל דאַרף משפּיע זיין צו אַ דערנענטערונג פון רעליגיע מיט סאָציאַליזם. ביידע זענען זיי באַפרייונגס-אידעעס, פון ביידע שטראַלט אוים דאָס יושרדיקע לעבן פון דער צוקונפט.

רעליגיע און סאָציאַליזם דאַרפן גיין צוזאַמען. נישט

געריכט זענען די מענטשן, וועלכע האָבן מורא צו געניסן פֿון ביידע ליכטער: רעליגיע און סאָציאַליזם. און ווען זיי נעמען איינעם פֿון זיי, לעשן זיי גלייך אויס דעם צווייטן, בעת פּאַקטיש איז נישט פֿאַראַן צווישן זיי קיין סתירה און לאָגיש, דאַרף צווישן אָט די צוויי אידעען הערשן האַרמאָ-ניע און צוזאַמענאַרבעט. און דאָס איז טאַקע די אויפֿגאַבע פֿון דאָזיקן סינטעז, וועלכער דערפֿירט צו דער רעהאַבילי-טאַציע פֿון רעליגיע אין ליכט פֿון סאָציאַליזם.

סאָציאַליזם אין נייע באַדינגונגען

די נייע באדינגונגען נאָכן צווייטן וועלט-קריג, די נייע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון לעבן, האָבן אויך גע־האַט זייער אויסווירקונג אויפן פּאָליטישן און פּראָגראַמאַ־טישן לעבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מיר זענען אַ דור, וואָס האָט איבערגענומען אַ רייכע קאַמפּס-ירושה פון פריערדיקע דורות, פון אַלע ביז איצטי־קע צייטן. אָבער די צווייטע וועלט-מלחמה האָט ראַדיקאַל געענדערט דאָס פּנים פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה פירן זיך כמעט אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דיסקוסיעס וועגן דער ביז איצטיקער טאַקטיק און וועגן די ווייטערדיקע צי־לן פון סאָציאַליזם; דיסקוסיעס וועגן סאָציאַליסטישע צילן, אידעען און פּראָגראַמען.

אין רעזולטאַט דערפון מערקט זיך אויך אַ געוויסע ענדערונג אין דער באַציאונג צו רעליגיע, וואָס האָט ביז לעצטנס בכלל נישט פאַרנומען קיין אָרט אין דער אַרבע־טער-באַוועגונג, אָדער מען האָט בלויז דערמאָנט איר נע־גאַטיוון כאַראַקטער פאַרן אַרבעטער-קלאַס און מיט צו־פרידנקייט קאָן פעסטגעשטעלט ווערן, אז מען הויבט ענד־

לעך אַז צו פֿאַרשטיין די באַדייטונג פֿון רעליגיע פֿאַרן סאָ-ציאַליזם און זיינע אַנהענגער.

אַזוי, למשל, האָבן די עסטרייכישע סאָציאַליסטן קלאָר דערקלערט, אַז סאָציאַליזם און רעליגיע זענען נישט קיין קעגנזאצן.

אויך דער דייטשער סאָציאַליזם איז גרייט מיטצו-אַרבעטן מיט דער גייסטיקער אָנפֿירונג פֿון דער רעליגיעזער באַוועגונג. דאָס דרינגט אַרויס פֿון נייעם פּראָגראַם, וואָס איז די לעצטע יאָרן אָנגענומען געוואָרן דורך דער מיטגלידער-שאַפֿט פֿון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אפשר זענען עס דערווייל בלויז פּאַראײנצלטע פֿאַקטן. אָבער זיי האָבן אָן שום ספק זייער אויסווירקונג אויף אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. רעלי-גיע הויבט אָן, אָדער וועט בקרוב אָנהויבן פֿאַרנעמען איר אָרט אין פּראָגראַם פֿון די דאָזיקע באַוועגונגען. עס ווערט וואָס אַמאָל פֿאַרשטענדלעכער פֿאַרן ערלעכן סאָציאַליסט, אַז צווישן דער אידעע פֿון סאָציאַליזם און דער געטלעכ-קייט זענען נישטאָ קיין קאָנפֿליקטן.

זעלטן ווער פֿון די גרויסע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער האָט נישט פֿאַרגעשטעלט רעליגיע אין דער בולטסטער סתי-רה צום סאָציאַליזם, אַז די רעליגיע דערציט כלומרשט דעם מענטש אין פּאַסיווקייט צו סאָציאַלע עוולות און אונטער-דריקונג, אַז רעליגיע לערנט און דערציט דעם מענטש פֿון פֿאָרויס מסכים צו זיין מיט דער נישט גלייכער פֿונאַנדער-טיילונג מיט די רייכטימער פֿון דער וועלט, ווייל אַזוי האָט

גאָט איינגעפירט פון קדמונים אָן און דער מענטש האָט נישט קיין רעכט צו ענדערן דעם סדר העולם.

אמת, פאַראַן אַזעלכע גייסטלעכע, וועלכע ווילן איינשלעפערן די מאַסן מיט שעדלעכע פירושים און פאַרענטפערונגען. זיי זענען געווען, און זיי זענען אויך פאַראַן איצט, און זיי ווירקן אויף גרויסע מאַסן אַרבעטער און פאָלקסמענטשן.

וואָלטן אָבער די דאָזיקע מאַסן געווען באַוווסטזיניקער, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, אַז נישט גאָט האָט איינגעפירט אָרעם און רייך, ווייל די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אַ גלייכע פאַר אַלעמען, אָן רייכטום, אָן פּאַלאַצן, אָן אַ קלאַסן-פונאַנדערטיילונג. דאָס דאָזיקע איז בלויז דאָס ווערק פון דער מענטשהייט גופא, במילא איז דער מענטש, אַפילו דער רעליגיעזער מענטש, מחויב צו ענדערן, אָפּצושאַפן די נישט-יושרדיקע פונאַנדערטיילונג פון וועלט-רייכטום.

אוודאי זענען פאַראַן גענוג רעאַקציאָנערע גייסטלעכע, וואָס ווילן איינשלעפערן די אָפּגעשטאַנענע אויסגענוצטע מאַסן, נישט דערלאָזן צו זיי דעם געדאַנק, אַז דער מענטש האָט רעכט אויסצוקעמפן פאַר זיך בעסערע באַדינגונגען, אַ לייטישע באַציונג און אַ הויך גייסטיק-קולטורעל אויסלעבן זיך. אָבער נישט זיי זענען די ערלעכע פאַרשטייער פון רעליגיע. דאָס זענען „פאַלשע נביאים”, וואָס האָבן דעם נאָמען פון רעליגיע אויסגענוצט אויף אַ נישט ערלעכן אופן.

עס איז אַ פאַקט, אַז אין קאָמוניסטישע לענדער, ספּעציעל אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ נייער טיפּ גייסטלעכער, וואָס לעבנדיק אין געענדערטע גע-

זעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, האָט ער זיך אַריינגעלעבט אין סיסטעם פון סאָציאַליסטישן אויפבוי און ער דערפילט גלייכ-צייטיק זיין אויפגאַבע אַלס רעליגיעזער מנהיג.

די געשיכטע פון די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, אַז יאָרן פון אַנטי-רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, ימען מיט ליטע-ראַטור און אויפקלערונגס-אַרבעט קעגן רעליגיע, האָבן נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַט. פאַרקערט. עס האָט זיך באַוויזן אַ וווקס פון רעליגיעזע אַקטיוויקייט. דווקא אין לענ-דער, ווו דער אַרבעטער-קלאַס האָט שוין די מאַכט אין זיינע הענט.

דאָס לערנט אונדז, אַז עס איז נויטיק אַריינצופּאַסן רע-ליגיע אין סיסטעם פון סאָציאַליזם, פאַרשטעלן רעליגיע אין איר ריכטיקן תוך — מיט אַלע פּאָזיטיווע דערשיינונגען פאַרן אַרבעטס-מענטש, ווי פאַרן אָרגאַניזירטן אַרבעטער-קלאַס.

עס איז כדאַי טיפער אַריינצודרינגען אין לאַסאַלס גע-דאַנק:

> „די אַרבעטער מוזן אויפהויבן דעם פּרינציפּ פון זייער יאָרהונדערט, מאַכן זייער אידעע פאַר דער לייטנדיקער אידעע פון דער גאַנצער געזעלשאַפט לויט איר אייגענער געשטאַלט".

דאָס הייסט, אַז מען דאַרף אַנטקעגנגיין דעם סאָציאַליזם מיט די בעסטע צוגעפּאַסטע וועגן, וועלכע ווייזן זיך אַרויס פאַר פּאָזיטיווע. דער אַרבעטער-קלאַס דאַרף אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם צופּאַסן אַזעלכע וועגן און פאָרמען, וועלכע זאָלן

— נישט ענדערנדיק דעם אינהאַלט — צואיילן דעם הויפּט־ציל — סאָציאַליזם.

רעליגיע איז אַריינגעדרונגען אין לעבן פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרעם איז אין יעדן מענטש פאַראַן חוץ עולם־הזהדיקייט אויך אַ ביסל געטלעכקייט. דער, וואָס פאַרמאָגט עס נישט, איז אַ טרוקענע פּרוכט, וועלכע איז אינעווייניק פאַרדאַרבן — אַ טרוקענער מענטש, אויסגעליידיקט פון אַלע עטיש־גייסטיקע דערהויבנקייטן, במילא אויך אַ טרוקענער סאָציאַליסט, מאַרק־סיסט. פאַר אַזעלכע סאָציאַליסטן איז דער מענטש נאָר אַ נעבן־זאַך. אָבער קיינמאָל נישט דער ציל; ער דאַרף בלויז דעם סאָציאַליזם לשם סאָציאַליזם, אָבער נישט פאַרן מענטש. אַזעלכע מענטשן האָבן נישט ווינציק צרות געבראַכט דער געזעלשאַפט אין נאָמען פון סאָציאַליזם.

אָבער יעדער קעמפער פאַרן סאָציאַליזם וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ ביסל פון געטלעכן פייער (זיכער מיינט עס נישט אוי־סערלעכע פרומקייט) — דער איז אויך אַ ברכה פאַר דער פּרעקטיקער אידעע, צו וועלכע עס שטרעבט דער בעסערער טייל פון דער מענטשהייט.

רעליגיע עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן, ווייל אַ גאָט־לאָזע געזעלשאַפט קען נישט האָבן קיין קיום. אַלס ביישפּיל קאָן מען דערמאָנען, אַז אויך דער פאַשיזם האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו רעליגיע. עס זענען פאָרגעקומען רייבונ־גען צווישן מוסאָלינים שווארצע העמדלעך מיט דער קאַטוי־לישער יוגנט. אויך היטלער האָט פּרעטענדירט צו געבן אַ נייעם טאָן, אָבער ער איז געבליבן אומבאהאָלפן.

לענדער און פעלקער ווערן געבוירן און פאַרשווינדן. סיסטעמען ענדערן זיך, קומען צו דער מאַכט און פאַרשווינדן — אָבער רעליגיע דאָמינירט איבער אַלעם און אומעטום, ווייל אַזוי לאַנג ווי עס וועט עקזיסטירן לעבן, וועט עקזיסטירן רעליגיע.

אָבער נישט בלויז דער סאָציאַליזם האָט געענדערט, ענדערט און וועט ענדערן זיין צוגאַנג צום פּראָבלעם פון רעליגיע און געטלעכקייט אין פּאָזיטיוון זין, נאָר אויך די מאַכט פון רעליגיע, הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז די פּאָרגעשריטענע באַוועגונג, וועלכע צילט צו אמת און גערעכטיקייט, איז דער סאָציאַליזם, במילא, האָט זיך אויך דאָרט אַ סך געענדערט לטובֿת דער דאָזיקער דערנענטערונג.

אין די אָנהויב-חדשים פון 1963 האָט דער גייסטיקער פירער פון קאַטאָליציזם, דער פּויפּסט יוחנן דער 23-טער פּראָקלאַמירט אין זיין ענציקליקע, אַז

„די אַרבעטער זענען באַרעכטיקט נישט בלויז צו אַ יושרדיקן חלק פון זייער אַרבעטס-פּראָדוקט, נאָר אויך צו אַן אָנטייל אין דער אָנפירונג מיט די אונטערנעמונגען, אין וועלכע זיי זענען באַשעפטיקט. די שאַפונג פון אַרבעטער-ראַטן ביי די אונטערנעמונגען אַנטשפּרעכט דער ראָל און ווירדע פון דער אַרבעט און פון נעם אַרבעטס-מענטש".

וועגן גורל פון דער מענטשהייט

אויף דעם דאָזיקן אָרט איז זייער נויטיק צו דערמאָנען וועגן גורל פון דער וועלט, אין וועלכער מיר געפינען זיך אויפן איצטיקן עטאַפּ; וועגן אונדזער וועלט, וואָס זעט אויס ווי אַ צעשטורעמטער ווולקאַן, וועלכער ווערט איינגעשטילט מיט קינסטלעכע מיטלען, אָבער פון צייט צו צייט רייסן זיך אַרויס, אין דעם אָדער אַנדערן טייל, שטיקער לאַווע, וואָס ווילן אונטערצינדן די וועלט.

דער גורל פון דער וועלט הענגט אָפּ דערפון, צי די רעגירונגען פון די גרויסמאַכטן וועלן בכוח זיין צו זיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן, אַז עס זאָלן אָנהויבן פאַלן באָמבעס...

דער אַ פאַקט דאַרף אַלאַרמירן וועגן דער לעבנס-געפאַר פאַר די מיליאַרדן מענטשן, אָן אונטערשיד פון לענדער, פעל־קער אָדער קלאַסן.

די ריזיקע מלחמה-טעכניק, וועלכע די וויסנשאַפט האָט געשאַנקען אונדזער דור, איז בכוח צו לייזן אַלע וועלט־שטרייטן און שווערע פּראָבלעמען אין משך פון געציילטע שעהן, אָבער דערביי וואָלט אָפּגעווישט געוואָרן די גאַנצע וועלט, צוזאַמען מיט אַלעם וואָס לעבט אין איר.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָלט דאָס געוועזן דער גרעס־טער חורבן, נישט בלויז פאַר דעם אָדער יענעם פאָלק, פאַר דעם אָדער יענעם טייל פון דער געזעלשאַפט, נאָר פאַר אַלע

לעבעדיקע באַשעפענישן אָדער געוויקסן אונטער דער זון.

דריי מיליאַרד מענטשן אויף דער וועלט האָבן אין זייער באַזיץ די ערד מיט די הימלען, בערג און אָקעאַנען, וווּנדער פון טעכניק, וועלכע וואָלט געקאָנט שאַפן אַ גליקלעך לעבן פאַר אַלעמען.

אָבער אַ קליינער טייל מענטשן, די באַזיצער און הערשער איבערן פאַנטאַסטישן וועלט־רייכטום, טראַכטן גאָרנישט וועגן שאַפן אַ בעסער לעבן פאַר דער מענטשהייט.

אַנשטאָט פאַרלייכטערן און פאַרשענערן דאָס לעבן פון פּשוטן מענטש, פון באַשיידענעם ערלעכן וועלט־בירגער — זוכט מען בעסער צו פאַרפולקאָמען דאָס ווערק פון מלחמה, בענקען זיי צו קריג און פאַרניכטונג, לעכצן זיי נאָך בלוט און פייער.

מאָרד און טויט איז געוואָרן זייער רעליגיע. אַפילו זייער שטרעבן צו וויסן און טעכניק איז נישט, כדי צו העלפן, נאָר כדי צו צעשטערן דעם פאָרשריט פון דער מענטשהייט.

אַט די דאָזיקע זענען גרייט, אַז ימען זאָלן רויט ווערן פון בלוט, אַז פעלדער זאָלן פאַרזייט ווערן מיטן אַש פון מיליאָנען, אַבי זיי זאָלן קאָנען ווייטער דערהאַלטן זייער מאַכט, רייכטום און פּריווילעגיע.

אוודאי איז נישטא פאַראַן אויף דער וועלט קיין איין פאָלק, וואָס וויל מלחמה, ווייל קיין שום לאָגיש־דענקענדיקער מענטש, קיין שום אַרבעטער אָדער פאָלקס־מענטש, קיין שום ערלעך־גלויביקער מענטש — וויל נישט קיין קריג.

אָבער פון דור צו דור שפּרינגט אַרויס אַ ווילדער טיראַן, אַ מאַכט־גייציקער הערשער, און צינדט אונטער די וועלט,

הגם די פייער-צונגען פאַרברענען אים צוזאַמען מיט אומ־שולדיקע מיליאָנען.

נאָר דער אַרבעטער-קלאַס, ביי דער מיטהילף פון ער־לעך-גלויביקע מענטשן, וועט בכוח זיין אָפּצוהיטן די וועלט פון דאָזיקן משוגעת.

די אויגן און הערצער פון מיליארדן שלום-ליבנדיקע מענ־טשן זענען געוואָנדן צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס איז בכוח אויסצוקערעווען דאָס ראָד פון דער געשיכטע אויף פרידלעכע רעלסן.

דאָס זעלבע דערוואַרטן אויך מיליאָנען גלויביקע מענטשן פון אַלע וועלט-רעליגיעס, וועלכע שטרעבן צו פאַרצוימען דעם מלחמה-שגעון און שאַפן אַ שלומדיקע וועלט.

מיליאָנען ערלעך-גלויביקע אַרבעטער און פאָלקס-מענ־טשן פילן אוים די קלויסטערס, שולן און געבעט-הייזער. זיי קומען אַהין מיט פלאַטערנדיקע נשמות און מורא פאַר מל־חמה און ציטערן פאַר דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע, וואָס קאָן טרעפן דער מענטשהייט.

דער אַרבעטער-קלאַס איז אַ מעכטיקער כוח, און צוזאַ־מען מיט די ערלעך-רעליגיעזע מענטשן, וועט ער קאָנען פאַר־צוימען דעם וועג די מלחמה-אונטערצינדער, וועלכע גרייטן זיך חרוב צו מאַכן די וועלט.

די מענטשהייט פון היינט גייט אַריין אין אַ קאַמף פאַר לעבן. מיר וועלן שפּאַנען איבער גרענעצן און לענדער צו פעלקער און ראַסן, מיט אונדזערע אידעאַלע צילן און לאָזונ־גען. מיר זענען די, וואָס זענען ראוי צו ברענגען שלום און פרייהייט פאַר די מיליארדן מענטשן פון דער וועלט.

די, וועלכע זענען קעגן!

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע פּאָליטיקער, „פאַלשע נביאים” און דאָגמאַטישע סאָציאַליסטן, וואָס וועלן אַרויס אין קאַמף קעגן אָט דער דאָזיקער נייער שיטה, וועלכע די צייט רופט אַרויס צום לעבן.

אויך צווישן אַרבעטער־קלאַס וועלן זיך געפינען אַזעל־כע פאַרגליווערטע אַרבעטער־טוער, וואָס וועלן פאַרשרייען דעם דאָזיקן סינטעז אַלס פיינטלעכער צו דער אידעע פון סאָציאַליזם. זענען דאָך פאַראַן געזנוג אַזעלכע טעאָרעטיקער און אַרבעטער־טוער, וועלכע דערזעען גאָר נישט, אָנערקע־נער גאָר נישט אַחוץ זייער אויסגעלערנטע נאָך אין די יונגנט־יאָרן סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישע תורה.

דאָס זענען אַזעלכע, וואָס זענען נישט פעיִק צו לערנען פון לעבן, פון געשעעענישן. זיי באַמערקן נישט, ווי די וועלט מאַרשירט מיט אַ ראַשיקן טעמפּ פאָרויס, ווי דאָס לעבן פון אונדזער צייט איז אַריינגעטראָטן אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט אַלע פאַרעלטערטע לעבנס־מעטאָדן און פאָרמען, און דאָס — נישט בלויז אויפן געביט פון טעכניק און וויסנשאַפט. נאָר אויך אויף די געביטן פון אידעען, טעאָריעס און שיטות.

מען דאַרף פאַרשטיין, אַז מיר זענען שוין מיילן־ווייט אַוועק פון יענער צייט און באַדינגונגען, ווען עס איז געשאַפן

געוואָרן די לערע פון מאַרקסיזם, ווען עס איז טעאָרעטיש באַגרינדעט געוואָרן דער וועג פון אַרבעטער-קלאַס צום סאָציאַליזם.

אין משך פון קוים אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט דאָס אַלגעמיינע לעבן געגעבן אַזאַ ראַשיקן שפּאַן פאָרויס, ווי דאָס איז נישט געשען אין משך פון הונדערטער יאָרן. מיר לעבן אין אַ צייט ווען דער מענטש האַלט ביים באַטרעטן דעם באָדן פון דער לבנה און באַקענען שכנישע צו דער ערד פּלאַנעטן. און אין דער זעלביקער צייט איז די דאָזיקע וועלט צוריקגעשטאַנען אויפן געביט פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט.

דאָס איז דער רעזולטאַט פון די ביז איצטיקע וועגן פון אַרבעטער-קלאַס; דאָס זענען די פּרוכטן פון האַלטן זיך ביי דאָגמאַטיש-קאָנסערוואַטיווע וועגן, ווייט היִנטערשטעליקע לגבי דעם טאָג-טעגלעכן לעבן פון היינטצייטיקן אַרבעטסמענטש, וואָס חוץ די ברויט-לאָזונגען פאַרלאַנגט ער עפּעס מער.

דער אַרבעטער און פאָלקס-מענטש, ווי יעדער ערלעכער בירגער, וויל דערפילן אַ ממשותדיקע ענדערונג, אַז דאָס לעבן הייבט זיך אָן פון דאָס ניי.

סאָציאַליזם? יאָ! אָבער נישט אַזעלכער, וואָס קוקט אַרויס בלויז פון ביכער, נאָר אַ נייער מענטשלעכער, יושרדיקער סיסטעם, וואָס זאָל טרעפן צום האַרצן פון יעדן ערלעכן מענטש, זאָל דערגרייכן צו יעדער שטאָט און דאָרף, צו יעדער הויז און כאַטע.

טאָ לאָמיר ווערן די פאַרזייער פון דער יושרדיקסטער

אָרדענונג אין לעבן, אָבער, אַז אויך מיר זאָלן פאַרזוכן די פרוכטן פון דאָזיקן פאַרזיי — אַ יושרדיקע וועלט, צו וועל־כער עס שטרעבן סיי מענער און סיי פרויען, יוגנט און זקנים, גלוביקע און אַטעיסטן, ווייסע און שוואַרצע, ברוינע און געלע.

מיר טראָגן אויף אונדזערע פליגל לעבעדיקע, רעאַלע לאָזונגען, וועלכע וועלן מאָרגן אַריבערשפּרייזן גרענעצן אויף לענדער און רעדן אויף אַלע שפּראַכן און אַקצענטן; אידעען און לאָזונגען, וואָס וועלן פאַרטרייבן נויט און פאַרצווייפלונג, פאַרניכטן אונטערדריקונג און ראַסן־האַס, צערייסן קייטן פון שקלאַפעריי און פאַרטרייבן דעם פּחד פון מלחמה.

דער וועג פון אַלע ערלעכע מענטשן איז דער זעלביקער, דער ווילן פון צוויי און אַ האַלבן מיליאַרד פרידלעכע בירגער פירט צום דאָזיקן וועג.

מיליאָנען ערלעכע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון וואַנען, וועלן מאָרגן זיך אָנשליסן אין דאָזיקן נייעם וועג, וועלכער וועט ווערן דער פאַרלאַמענט פון אַלע ערלעכע מענטשן אויף דער וועלט. עס וועלן אויפהערן רייסערייען צווישן פאַרטייען, צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, גלוביקע אָדער פרייע. אַלע ערלעכע מענטשן וועלן זיין גלייכע וועלט־בירגער און האָבן די פרייע מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן לויט זייער גלויבן און געוויסן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס וועט זיכער נישט באַדראָען די זיכערקייט פון דער אויסגע־טרוימטער אָרדענונג.

זאָלן די גלוביקע דינען גאָט, וועמען גייט עס אָן? זאָלן די געבעטהייזער פירן זייער נאָרמאַלע רעליגיעזע אַרבעט. עס

דאַרף אָבער אָפּגעטיילט ווערן פּינצטערקייט און ווילדקייט פון רעליגיע.

דער מאָרגן וועט באַווייזן, אַז עס איז מעגלעך דאָס צוזאַמענלעבן פון עלעכע מענטשן אָן אונטערשיד פון נאַציע, ראַסע און גלויבן, אַז זיי קענען צוזאַמען קעמפן פאַר אַ יושרדיקער וועלט, אַז זיי קענען צוזאַמען בויען אַ וועלט פון שלום, פרייהייט און סאָציאַליזם.

דער מאָרגן געהערט צו די ערלעכע מענטשן, צו די אַרבעטער און גלויביקע, וועלכע זענען די מערהייט פון דער מענטשהייט.

דער וועג, אויף וועלכן מיר האָבן אָנגעוויזן, איז דער נאָענטסטער באַפרייונגס-וועג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

נאָכוואָרט פון מחבר

איבערגעבנדיק דעם דאָזיקן סינטעז צום משפט פון דער עפנטלעכקייט, וויל איך אונטערשטרייכן, אַז עס איז נישט געווען מיין אויפגאַבע פאָרצושטעלן די דאָזיקע אַרבעט ווי עפּעס אַ פּראָגראַם פון אַ נייער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. פאַרקערט, איך וואָלט וועלן, אַז די דאָזיקע אַרבעט מיינע זאָל ווערן דער סינטעז, וואָס זאָל זיך אַריבערהייבן איבער פּאַרטייען און אידעאָלאָגיעס, אַז זי זאָל ווערן די בריק פאַר אַלע מענטשן פון גוטן ווילן, כדי דורך דעם וועג זאָל זיך דערנענטערן מענטש צו מענטש און פאָלק צו פאָלק.

אָבער דאָס שליסט נישט אויס, אַז מיט דער צייט זאָל דער דאָזיקער סינטעז זיך איבערגעשטאַלטיקן אין אַ פּאָזיטיווער באַוועגונג מיט אַ סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, באַהויכט מיט אַ געטלעכן גלויבן; אַז ער זאָל ווערן אַ באַוועגונג פאַר שלום און סאָציאַליזם, פאַר אמת, יושר און הומאַניזם.

דאָס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל דער דאָזיקער סינטעז איז בכוח אַרומצונעמען סיי דעם סאָציאַליסט, סיי דעם גלויביקן. אַזאַ באַוועגונג קען ווערן דער אויסדריקער פון די אידעאַלסטע צילן און שטרעמונגען, צו וועלכע עס שטרעבן צוויי מיט אַ האַלבן מיליאַרד שלום־ליבנדיקע מענטשן.

ס׳זענען פאַראַן דערפאַר אַלע מעגלעכקייטן, אַז דער דאָזיקער

סינטעז זאָל ווערן די אידעאָלאָגיע פון אונדזער צעשטורעמטן דור, וועלכער האָט געהאַט די „זכיה" צו ווערן די אַטאָם־תקופה.

דער דאָזיקער פאָרגעשטעלטער סינטעז איז, אַ דאַנק זיינע הומאַניסטיש־אַלמענטשלעכע פאָרמען, בכוח צו ווערן דער אידעישער אויסדריקער פון דער מערהייט מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, לענדער און נאַציעס; דער דאָזיקער אידעען־וועג קען ווערן דער אויסדריקער פון די בעסטע שטרעמונגען, צו וועלכע עס צילט דער ערלעכער מענטש, סיי פון ציווילניזירטן אייראָפּע אָדער פון אָקאָרשט דערוואַכטן אַפריקע; דער דאָזיקער סינטעז קען ווערן דער לעבנס־וועג פאַר פאַציפיסטישע פראַנצויזן, ווי פאַר פרומע בודיסטן, פאַר קאַטאָליקן, ווי פאַר מוסולמענער און יידן, פאַר די, וועלכע ווילן גיין אין וועג פון די נביאים, ווי פאַר די, וועלכע גייען אין די וועגן פון סאָציאַליזם.

דעריבער ווען דעם דאָזיקן וועג זיך צואייגענען אַלע מענטשן פון גוטן ווילן, וועלכע שטרעבן צו אַ שלומדיק צוזאַמענלעבן צווישן פעלקער, לענדער, ראַסן און שבטים, צווישן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס וועלט־בירגער, צווישן פרייע און גלויביקע, ווייסע און שוואַרצע, געלע און ברוינע, וועלכע זענען צוליב שאָוויניסטיש־ראַסיסטישע כיבות אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן.

זאָל די דאָזיקע באַשיידענע אַרבעט פון אַ פשוטן מענטש ווערן דער סטימול צו אַ הייליקן קאַמף פאַר מענטשלעכקייט און הומאַניזם, פאַר שלום, פרייהייט און גערעכטיקייט.

זאָלן אַלע ערלעכע מענטשן זיך פאַראייניקן צו אַ הייליקן קאַמף, פאַר וועלכן עס זענען שוין אומגעקומען מיליאָנען אומבאַקאַנטע מענטשן, גלויביקע און פרייע, אָנהענגער פון פאַרשידענע אמונות און פון פרייהייטס־אידעאָלאָגיעס, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען אינעם קאַמף פאַר אַ וועלט פון יושר, אמת און גערעכטיקייט, פאַר מענטשלעכקייט און סאָציאַליזם.

Let us bring these two truths closer together, so that honest religion could be adapted to the ideal of socialism, and the struggle for an honest socialism should become harmonious with honest religion.

I am, therefore, confident that this synthesis — as an important way of life, bringing closer together the two most significant truths — will be accepted with appreciation among the majority of honest people, and will serve as the pillar of fire in these stormy days of the atom-epoch in which our world now exists.

JACOB BELEK

to their uniqueness, are limited in their influence to but a few groups, to a single class or peoples with mutual interests, there emerges that new synthesis with its new function, to bring closer together two universal ideas : **religion and socialism,** as the most elastic way of life in our times, which is worthy of affecting the majority of honest humanity.

Although the economic aspects of socialism are very important for the material care of the workingman, they do not exhaust the full content of a socialist way of life. Nor should the other values of socialism be neglected, i.e., morale and ethics, equality and freedom, the development of cultural and ethical principles. We must step over the narrow bounds of the social-economic fate of man and lead him into the higher spiritual world of faith, remove the abyss between man — the socialist and fighter — and religion.

The long history of humanity has already more than once affirmed the idealogical closeness of those truths, between divine faith — and socialism — there is no essential contradiction.

It is therefore incumbant upon our bitterly tested war-generation to bring closer together these two universal truths : Religion and Socialism, leading to complete **rehabilitation of religion in the light of socialism,** contrary to the thoughts and attitude toward religion brought along by Marxism which, despite its negative attitude to religion, could not ignore the religiously canonized Prophets ; the image of Jesus Christ, the Essenes and others who are described in scientific socialism as fighters for truth, social honesty and justice.

Let us, therefore, create the ideological bridge between these two related ways of life, both of which serve the most vital life-interests of the honest man.

SYNTHESIS OF SOCIALISM AND RELIGION

Bring religion closer to socialism, introduce the spirit of faith among men who strive for an honest socialism, — this is the function of that synthesis which comes in the spirit of our times, to bring two truths closer to each other, to contact the adherents of the socialist idea with divine faith — the oldest way of life, leading humanity to truth, honesty and justice.

The great radical changes brought about on by World War II, profoundly shook up and agitated humanity, affecting the sensitivity and world outlook of the honest thinking man who found himself helpless vis-a-vis the "new times" of emptiness and degradation, bohemianism and void of ideas, dragging the world down into an abyss of hatred, rudeness and injustice.

Even though we live at a time of great scientific progress, when the dream of flying in outer space has been realized and preparations are being made to land on the moon, — life of the simple man, the poor working man is still considerably backward in so far as social justice is concerned; the life of various nations is still threatened by the danger of war and race hatred; the life of millions of people is still menaced and threatened by hunger, need and exploitation, by hate and discrimination, just as it was in the most backward times.

In contrast to other ideas and ways of life which, owing

אינהאַלט

	זייט
פאָרוואָרט	9
וועלט און מענטש	17
רעליגיע און סאָציאַליזם	25
איז די אידעע פון סאָציאַליזם אין קאָנפליקט מיט רעליגיע	32
אַ בריק וואָס פאַראייניקט	36
די השפעה פון רעליגיע אויף סאָציאַליזם	46
אידעען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט	54
סאָציאַליזם אין נייע באַדינגונגען	57
וועגן גורל פון דער מענטשהייט	63
די, וועלכע זענען קעגן!	66
נאָכוואָרט פון מחבר	70
Synthesis of Socialism and religion	75

ביכער, דערשינען אין י.ל. פרץ־פארלאג אינעם יאר 1963

אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפ (לידער און פּאָעמעס)
יוסף ארליך	וואָלבראָם (יידיש־העברעיש)
חיים בעז	אונדזער דור מוז אַנטשיידן (עסייען, רעפּאָרטאַזשן, באַטראַכטונגען)
י. גויכבערג	מיט לייב און לעבן (לידער)
י. גויכבערג	מיט אַ שמייכל (לידער)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָג ביכער (עסייען)
דוד גלילי־גלאַצער	ביים קוואַל (לידער)
מאַטעס דייטש	יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד (עסיי)
יחיאל האָפער	אַמאָל... (דערציילונגען)
שלמה וואַרזאַגער	זאַמד (ראָמאַן)
שפרהווערבער	דמעתו של איציק (באַלאַדעס פאַר יוגנט)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן (פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע)
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק — מיינע דאָקטוירים — טאָגבוך פון אָקופּירטן פּאַריז (בשותפות מיטן ציקאָ־פאַרלאַג)
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
מאַני לייב	שירים ובלדות — לידער און באַלאַדן (יידיש־עברית)
מאַלאַשאַ מאַלי	צווי וועלטן (דערציילונגען)
שמחה פּאָלאַקעוויטש	טעג אָן ליכט
משה פולאַווער	געווען איז אַ געטאָ (פון לאָדזשער געטאָ־לעבן)
פּעטערזייל־בוך	זיין לעבן — אָפּשאַצונגען און זכרונות. רעדאַגירט פון י. זרבבל
יעקב פרידמאַן	נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)
איטה קאַליש	אַ רבישע היים אין אַמאָליקן פּוילן
מאיר קוטשינסקי	נוסח בראַזיל (דערציילונגען)
יאָסל צוקער	שריפטן (דערציילונגען)
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג (עסייען, נאָטיצן, רעצענזיעס וועגן דיכטער און דיכטונג)
ישעיהו שפּיגל	די בריק (ישראל־נאָוועלן)
ברוך שפּינאָזאַ	עטיק (איבערגעזעצט: ש. ווינער)

ביכער, דערשינען אין 1964

רחל אויערבאַך	אין לאַנד ישראל (רעפּאָרטאַזשן, עסייען, דערציילונגען)
יצחק פאַנער	זון און שאָטן (ישראל־מאָטיוון)
י. פּאַפּיערניקאָוו	פון צווייטן בראשית (ישראל־לידער)
י. זרבבל	ביקור בברית המועצות (רשמים ופגישות)
ישראל קאַפּלאַן	שליאַך און אומוועג (דערציילונגען)
בינם העלער	נייע לידער (לידער)
ש. שלום	לידער און פּאָעמעס (איבערגעזעצט פון ח. באַרקאַן)
י. האָפּער	מיט יענעם און מיט זיך (ליטעראַרישע עסייען)
שרה האַמער־דזשאַקלין	שטאָט און שטעטל דערציילונגען
דער וועג	זאַמלבוך לכבוד מ. מענאַכאָווסקי